NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08922

# YIDN IN AMERIKE

Louis Silver

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# יידן אין אַמעריקע

Printed by
FUTURO PRESS, Inc.
476 Broadway, New York 13, N. Y.
200

---

בוך צוויי ווערט צוגעגרייט צום דרוק.
אַ ביבליאָגראפישע רשימה וועט זיין געדרוקט ביים סוף פון בוך צוויי.

ל. סילווער




## עפּיזאָדן און פּאָרטרעטן

בוך איינס

1881—1654

אַרויסגעגעבן פֿון דעם

בילדונגס-דעפּאַרטמענט
פֿון אַרבעטער-רינג

ניו-יאָרק, נ. י.

# JEWS IN AMERICA

by

**LOUIS SILVER**

**VOL. I — 1654 - 1881**

Copyright 1955
by the
EDUCATIONAL DEPARTMENT
of the
WORKMEN'S CIRCLE
New York, N. Y.

Published by the

WORKMEN'S CIRCLE EDUCATIONAL DEPARTMENT

175 East Broadway

New York 2, New York

# :אינהאַלט

זײַט


אַרײַנפֿיר — — 7

300 יאָר ייִדן אין אַמעריקע — — 9

גירוש־שפּאַניע — — 11

ייִדן האָבן געהאָלפֿן קאָלומבוסן — — 13

אין די שפּאַנישע קאָלאָניעס — — 16

אין די פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס — — 17

אין די האָלענדישע קאָלאָניעס — — 19

אין נײַ־אַמסטערדאַם — — 22

דער ערשטער חנוכּה אין אַמעריקע — — 28

דער ערשטער פּסח אין ניו־יאָרק — — 32

אָשר לעווי — — 37

דער ייִד און דער גאָווערנאָר — — 40

די ייִדן אין די קאָלאָניעס — — 43

די ייִדן אין ניופּאָרט — — 48

בריוו אין ייִדיש אין דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע — — 55

אַהרן לאָפּעז — — 57

ישורון סאַלוואַדאָר — — 62

בנימין נאָנעס — — 66

חיים סאַלאָמאָן — — 69

דער אײַנפֿלוס פֿון תּנך אויף דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע — — 74

דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און די ייִדן פֿון ניו־יאָרק — — 76

פֿײַערונג לכּבֿוד וואַשינגטאָנס בריוו צו די ייִדן — — 81

אוריה פּ. לעווי — — 83

יהודה טוראָ — — 86

מרדכי מנואל נח — — 91

די זייגערס שטימען ניט — — 94

רבֿקה גראַץ — — 96

די אײַנוואַנדערונג פֿון די דײַטשישע ייִדן — — 98

ייִדן אין לינקאָלנס צײַטן — — 101

לינקאָלן און אַ ייִדישער סאָלדאַט — — 105

באַפֿעל נומער עלף — — 108

לינקאָלן און זײַנע ייִדישע פֿרײַנד — — 111

ייִדן אין דער קאָנפֿעדעראַציע — — 116

מיכאל היילפּערין — — 118

עמאַ לאַזאַרוס — — 121

נאָכן בירגער־קריג ביז דער גרויסער ייִדישער אײַנוואַנדערונג — — 125

די ערשטע צײַטונג אין דער ייִדישער שפּראַך אין אַמעריקע — — 128


## :בילדער און אילוסטראַציעס


רעסיפֿע, די ייִדישע קאָלאָניע אין בראַזיל ביזן יאָר 1654 — — 21

יצחק אַבואַב, דער ערשטער רבֿ אויפֿן אַמעריקאַנער קאָנטינענט 22

יעקבֿ בר שמשון, דער ערשטער ייִד אין נײַ־אַמסטערדאַם — — 23

זייט

די שיף מיט די ערשטע 23 ייִדן בײַם לאַנדן אין נײַ־אַמסטערדאַם — 25
פּעטער סטײַוועסאַנט — 26
דער דאָקומענט אין האָלענדיש וועגן די ערשטע 23 ייִדן אין נײַ־אַמסטערדאַם — 33
דער גאָווערנאָר און דער ייִד — 41
אַ רעדוצירטע פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ פּראָטאָקאָל פֿון שארית ישׂראל פֿון 1718 — 46
דער אינעווייניקסטער אויסזען פֿון דער טוראָ־שול אין ניופּאָרט — 49
אַהרן לאָפּעז — 57
דער חיים סאָלאָמאָן־מאָנומענט אין שיקאַגאָ — 72
דזשאָרדזש וואַשינגטאָן — 74
דער רב גרשם מענדעס סעיִשאַס — 78
די ערשטע שול אין צפֿון־אַמעריקע — 80
אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון וואַשינגטאָנס בריוו צו די ייִדן — 82
אוריה פּ. לעווי — 83
יהודה טוראָ — 86
מרדכי מנואל נח — 91
אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דעם ווינקלשטיין פֿון אררט — 94
רבקה גראַץ — 97
אייבּרעהעם לינקאָלן — 102
אייבּרעהעם ליקאָלנס באַפֿעל צו באַפֿרײַען טשאַרלז יאָנאַס — 114
דזשודאַ פּ. בענדזשאַמין — 117
מיכאל היילפּערין — 119
עמאַ לאַזאַרוס — 122
די פּאָעמע פֿון עמאַ לאַזאַרוס אויף דער סטאַטועטע פֿון פֿרײַהייט — 123
אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דער ערשטער צײַטונג אין דער ייִדישער שפּראַך אין אַמעריקע — 128

# אַרײַנפֿיר

דאָס בוך פֿון ל. סילווער „ייִדן אין אַמעריקע״ גייט אַרויס צו דעם יום-טובֿ פֿון 300 יאָר ייִדיש לעבן אין אַמעריקע. עס אַנטהאַלט בילדער און עפּיזאָדן פֿון דער געשיכטע פֿון דעם גרעסטן ייִדישן ישובֿ אויף דער וועלט.

דאָס בוך באַשטייט פֿון דעם איצטיקן באַנד, וועלכער דערגרייכט ביז דער עפּאָכע פֿון דער גרויסער ייִדישער מאַסן-אימיגראַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די אַכציקער יאָרן פֿון פֿריִערדיקן יאָר-הונדערט און, פֿון אַ צווייטן באַנד, וואָס וועט דערציילן וועגן אַמע-ריקאַנער ייִדישן ישובֿ ביז הײַנט-צו-טאָג, און וועט בקרובֿ דער-שײַנען.

ייִדן לעבן אין אַמעריקע, פֿרייען זיך מיט אירע דעמאָקראַטישע פֿרײַהייטן, פֿרייען זיך מיט דעם וואָס דער ייִד איז דאָ אַ גלײַכער צווישן גלײַכע. זיי זײַנען אויך שטאָלץ מיט די אויפֿטוען פֿאַרן לאַנד פֿון די ייִדישע פֿאָלקס-מאַסן און פֿון ייִדן-יחידים.

אָבער גאָר ווייניק ייִדן זײַנען באַקאַנט מיט דעם ווי אַזוי דער ייִדישער ייִשובֿ אין אַמעריקע האָט זיך אַנטוויקלט, מיט די אַלע וואַנדלונגען, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט דאָ אין לאַנד.

ניט קענען די געשיכטע פֿון די ייִדן אין אַמעריקע, מיינט ניט קענען זיך אַליין. צו זײַן באַקאַנט מיט דער געשיכטע איז אַ חובֿ ניט נאָר פֿאַר די ייִדן פֿון אַמעריקע, נאָר פֿאַר יעדן ייִדן, וואו ער זאָל ניט זײַן. דער אויפֿקום פֿון אַמעריקאַנער ייִדישן ישובֿ איז איינער פֿון די רעוואָלוציאָנערסטע געשעענישן אין אונדזער לאַנגער גע-שיכטע. אַ געשעעניש וואָס האָט אין גאַנצן איבערגעאַנדערשט דאָס פּנים פֿון ייִדישן פֿאָלק און טראָגט מיט זיך פֿאַרשפּרעכונגען אין דער צוקונפֿט.

צום באַדויערן איז ביז איצט כמעט ניט געווען קיין איינער — מיט דער אויסנאַם פֿון פּרץ ווערניקס בוך, וואָס איז פֿאַרעלטערט און מען קען עס מער ניט קריגן — וואָס זאָל אָנשרײַבן אַ געשיכטע פֿון די ייִדן אין אַמעריקע פֿאַר דעם ייִדישן לייענער, פֿאַר דעם אימי-גראַנטישן דור, פֿאַר דעם דור וואָס האָט מיט זײַנע הענט, מיט זײַן מי און פּראַצע אויפֿגעבויט אָט דעם גרויסן ישובֿ.

זײַנען מיר דעריבער העכסט צופֿרידן אַרויסצוגעבן ל. סיל־װערס בוך.

ל. סילװער איז דער פּאַסיקער מענטש אָנצושרײַבן אַ געשיכטע פֿון אַמעריקאַנער ייִדישן ישובֿ.

װען דער שיקזאַל האָט אים מיט יאָרן צוריק געבראַכט קיין אָלבאַני װי אַ לערער פֿון די אַרבעטער־רינג־שולן און ער האָט געזען װי אַזױ ייִדן לעבן דאָרטן, װעלכע אינסטיטוציעס זײ האָבן אױפֿגע־בױט, האָט אים פֿאַראינטערעסירט זיך צו באַקענען און אױסצוגע־פֿינען װי אַזױ האָט זיך אַנטװיקלט דער ייִדישער ישובֿ אין דער שטאָט אָלבאַני. ער איז אַװעק אין ביבליאָטעקן, אין אַרכיװן, און זיך באַקענט מיט פֿאַרשײדענע דאָקומענטן און שפּעטער פֿאַרעפֿנט־לעכט אַ װיכטיקע און די אײנציקע אָפּהאַנדלונג װעגן ייִדן אין אָלבאַני.

די אָפּהאַנדלונג איז צו ערשט אָפּגעדרוקט געװאָרן אין יאָרבוך פֿון ייִדישן װיסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט (1938) און איז ניט לאַנג דערשינען אין ענגליש אין Yivo Annual of Jewish Science, Vol. IX.

פֿאַרשנדיק די געשיכטע פֿון די ייִדן אין אָלבאַני, איז ל. סילװער פֿאַרכאַפּט געװאָרן פֿון דעם צױבער און דעם גרױסן װאונדער װאָס עס שטעלט מיט זיך פֿאָר דער אַמעריקאַנער ייִדישער ישובֿ. ער האָט גענומען זיך באַקענען און פֿאָרשן דעם אױפֿקום פֿון דעם ישובֿ. ער טוט עס שױן במשך פֿון יאָרן און איז דעריבער אַן אױטאָריטעטע פּערזאָן אַזאַ געשיכטע אָנצושרײַבן.

ל. סילװער האָט נאָך אַ מעלה, ער קען אַן ענין קלאָר מסביר זײַן, אַז יעדערער זאָל אים קענען פֿאַרשטײן.

דאָס איצטיקע בוך זײַנס איז ניט קיין טרוקענע כראָנאָלאָגישע אָפּהאַנדלונג. ער גיט איבער דעם פּולס פֿון ייִדישן ישובֿ אין אַמע־ריקע, דערצײלט דורך מעשׂיות, בילדער און עפּיזאָדן װעגן זײַן אױפֿ־קום און אַנטװיקלונג.

דאָס בוך װעט פֿאַראינטערעסירן יעדן ייִדיש לײענער, דערװאַק־סענע און יוגנטלעכע, און װעט זײַן אַ גוט הילף־בוך פֿאַר די ייִדישע שולן אױף צו לערנען די געשיכטע פֿון די ייִדן אין אַמעריקע.

ז. יעפֿרױקין,
בילדונגס־דירעקטאָר פֿון אַרבעטער־רינג.



# 300 יאָר ייִדן אין אַמעריקע

דעם צוועלפֿטן סעפּטעמבער, 1954, איז געוואָרן דרײַ הונדערט יאָר זינט עס זײַנען געקומען די ערשטע ייִדן קיין צפֿון־אַמעריקע. דרײַ און צוואַנציק זײַנען זיי געווען, מענער, פֿרויען און קינדער. אין משך פֿון דרײַ הונדערט יאָר איז דאָ אויפֿגעבויט געוואָרן דער גרעס־טער און אײַנפֿלוסרײַכסטער ייִדישער צענטער, וואָס ציילט איבער פֿינף מיליאָן מענטשן.

דער דרײַ הונדערט יאָריקער יובילײ פֿון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן ייִשובֿ איז אַ גרויסע און וויכטיקע געשעעניש ניט בלויז פֿאַר די אַמעריקאַנער ייִדן, נאָר פֿאַר די ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט.

די פֿרײַע דעמאָקראַטישע אַמעריקע איז געווען דאָס ערשטע לאַנד אין דער וועלט, וואָס האָט געגעבן די ייִדן די זעלביקע רעכט און פֿרײַהייט ווי אַלע אַנדערע בירגער פֿון לאַנד. ייִדן זײַנען דאָ געקומען פֿון יעדן ווינקל פֿון דער וועלט. דאָ אין אַמעריקע האָבן ייִדן פֿון איין וועלטטייל זיך געטראָפֿן און באַקענט מיט ייִדן פֿון אַ צווייטן וועלטטייל און צוזאַמען געשאַפֿן דעם גרויסן און רײַכן אַמע־ריקאַנער ייִדישער ייִשובֿ.

ייִדן האָבן אַלע מאָל ליב געהאַט אַמעריקע און אָפּגעשאַצט די פֿרײַהייט פֿון לאַנד. זיי האָבן געטרײַ אַלע מאָל געזאָרגט פֿאַר דער זיכערקייט און וואוילזײַן פֿון דעם גאַנצן לאַנד.

דער אַמעריקאַנער ייִדישער ייִשובֿ איז אַלע מאָל געווען דער הילפֿספּונקט פֿאַר ייִדן פֿון יעדן לאַנד איבער דער וועלט, וואָס האָבן געדאַרפֿט הילף און שוץ. די ברידערלעכע האַנט פֿון די אַמערי־קאַנער ייִדן האָט דערגרייכט ווײַט איבער ימען.

עס איז כדאַי און אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען מיט די אַמע־ריקאַנער ייִדן. ווער זײַנען זיי? פֿון וואַנען קומען זיי און וואָס האָבן זיי דאָ געשאַפֿן?

לאָמיר זיך פֿריִער באַקענען מיט די דרײַ און צוואַנציק ייִדן. אָט די ערשטע ייִדן, וואָס האָבן געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר דעם אַמעריקאַנער ייִדישן ישובֿ.

דאָס זײַנען געווען ייִדן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פֿון דער אינקוויזיציע. יאָרן לאַנג האָבן זיי, זייערע עלטערן און אורעלטערן אָפּגעהיט ייִדישקייט אין געהיים, מיט דער גרעסטער מסירת־נפֿש. דאָס זײַנען געווען דרײַ און צוואַנציק ייִדן, וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון פּאָרטוגאַל און אונטער דער שוץ פֿון האָלאַנד, געגרינדעט אַ גרויסע און רײַכע קאָלאָניע אין רעסיפֿע, דרום־בראַזיל.

די קאָלאָניע איז געווען רײַך מיט צוקער־פּלאַנטאַציעס און אַנ־דערע ווערטפֿולע אַרטיקלען. אירע האַנדלס־שיפֿן זײַנען געפֿאָרן ווײַט איבער די ימען. דאָרט האָט זיך אויפֿגעבויט אַ ייִדישע קהילה פֿון איבער זעקס הונדערט מענטשן. זיי האָבן זייער קהילה אַ נאָמען געגעבן „קהל קודש״, די הייליקע געמיינדע. מאַסן מאַראַנען זײַנען דאָרטן געקומען פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל און צוריק געוואָרן ייִדן. זיי האָבן אויפֿגעבויט אַ גרויסע קינדער־שול מיטן נאָמען „עץ־חיים״, בוים פֿון לעבן. ייִדישע קינדער האָבן דאָרטן געלערנט און דער ייִדישער בוים האָט ווײַטער געבליט און ווײַטער געוואַקסן.

דרײַ און צוואַנציק יאָר האָט עקסיסטירט די ייִדישע קאָלאָניע אין בראַזיל און געהאַט אַלע אויסזיכטן און מעגלעכקייטן צו ווערן איינע פֿון די גרעסטע און רײַכסטע קאָלאָניעס אין דער נײַער וועלט.

אין יאָר טויזנט זעקס הונדערט און פֿיר און פֿופֿציק איז געקומען אַן אומגליק. פּאָרטוגאַל איז געקומען מיט אַ סך שיפֿן און אַ סך סאָלדאַטן און פֿאַרנומען די קאָלאָניע. צוזאַמען מיט די סאָלדאַטן איז אויך געקומען די שרעקלעכע אינקוויזיציע.

די ייִדן האָבן געגעבן אַ העלדישן ווידערשטאַנד. זיי האָבן מוטיק פֿאַרטיידיקט זייער קאָלאָניע. אָבער פּאָרטוגאַל איז געווען שטאַר־קער. אַ סך ייִדן זײַנען אויסגעהרגעט געוואָרן. די איבעריקע זײַנען אַנטלאָפֿן וואו די אויגן האָבן זיי געטראָגן. דרײַ און צוואַנציק פֿון יענע ייִדן האָבן, נאָך לאַנגע וואַגלענישן, פֿול מיט שרעק און יסורים,

דערגרייכט צו די ברעגעס פֿון נײַ־אַמסטערדאַם, די הײַנטיקע ניו־יאָרק. געקומען זײַנען זיי זייער אָרעם. זיי האָבן אַפֿילו ניט געהאַט גענוג געלט צו באַצאָלן פֿאַר זייער רײַזע. אָבער זיי האָבן געהאַט האָפֿענונג און גלויבן, אַז דאָ, אין נײַ־אַמסטערדאַם און אין נײַ־נידערלאַנד, וועלן זיי קענען בויען אַ זיכערע היים.

זיי זײַנען געווען שטאָלצע ייִדן און מוטיקע מענטשן, זיי האָבן זיך ניט דערשראָקן אַפֿילו ווען דער גאָווערנאָר פֿון דער קאָלאָניע, פּעטער סטײַוועסאַנט, האָט זיי ניט געוואָלט האָבן אין דער קאָלאָניע. זיי האָבן ניט מורא געהאַט פֿאַרן כּעס פֿון גאָווערנאָר און פֿאַר דער פֿרעמדקייט פֿון דער סבֿיבֿה. מיט דעם גלויבן האָבן זיי געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר דעם גרויסן ייִדישן ישובֿ בײַ די ברעגעס פֿון דעם אַטלאַנטישן ים, וואָס האָט אין משך פֿון יאָרן זיך געצויגן ווײַטער און ווײַטער, איבער פֿליינען פֿון אַמעריקע, און דערגרייכט צו די ברעגעס פֿון פּאַסיפֿישן ים.

# גירוש־שפּאַניע

טויזנט יאָר האָט געבליט אַ שיינער ייִדישער בוים אויף דער שפּאַנישער ערד. אַ בוים, וואָס האָט זאַפֿטיקע פּרוכט אַרויסגעגעבן, פֿון וועלכע דאָס גאַנצע לאַנד האָט גענאָסן און הנאה געהאַט. מיט אַ מאָל זײַנען שטורעם־ווינטן אָנגעקומען, געבראָכן די צווײַגן, צעשטערט די פּרוכט און צום סוף דעם בוים אין גאַנצן אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען.

אָט אַזוי איז חרובֿ געוואָרן דער שיינער ייִדישער ישובֿ אין שפּאַניע. מער ווי טויזנט יאָר האָבן ייִדן געלעבט אויף דער שפּאַנישער ערד, און דאָס לאַנד רײַך געמאַכט מיט גײַסטיקע און מאַטעריעלע ווערטן.

דאָרטן האָבן אויף דער ערד געטראָטן גרויסע ייִדישע דענקערס און פֿילאָסאָפֿן, פּאָעטן און מענטשן פֿון וויסנשאַפֿט, דאָקטוירים און מלוכה־מענטשן. עס האָבן דאָרטן געלעבט שלמה בן גבֿירול און משה אבֿן עזרא, יהודה הלוי און אבֿרהם אבֿן עזרא, רבי משה בן מימון (רמבם) און רבי משה בן נחמן (רמבן). מענטשן, וואָס האָבן אַ פֿאָלק און אַ לאַנד דערהויבן מיט זייער חכמה און זייער גײַסט.

יִדישע שיפֿן און יִדישע אונטערנעמונגען האָבן שפּאַניע רײַך געמאַכט. יִדישע מלוכה-פֿירערס ווי חסדאַי אבֿן שפּרוט, שמואל הנגיד און יצחק אַברבנאל האָבן גאָר אַ סך צוגעטראָגן צו דער גרויסקייט און דעם רום פֿון איר נאָמען.

## די אינקוויזיציע

שפּאַניע האָט זיך געפֿרייט מיט דעם קריסטלעכן זיג איבער די מאַכמעדאַנישע מורן. עס האָט זיך געפֿרייט שפּאַניע מיט דער פֿאַראייניקונג פֿון לאַנד דורך דער חתונה פֿון איזאַבעלאַ, קיניגין פֿון קאַסטיליע, מיט פֿערדינאַנד, קיניג פֿון אַראַגאָניע.

גרויס-שפּאַניע האָט זיך געפֿרייט און האָט איר שׂמחה אויסגע-דריקט מיט אײַנפֿירן די שרעקלעכע אינקוויזיציע, אָנגעפֿירט פֿון טאָמאַס טאָרקוועמאַדאַ. טויזנטער יִדן זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן אויף דער אויטאָ-דאַ-פֿע (אַקט פֿון גלויבן). אפֿשר קען מען נאָך איצט הערן דאָרטן דעם ריח פֿון די טויזנטער פֿאַרברענטע יִדישע לײַבער; אפֿשר קען מען נאָך איצט הערן דאָרטן אין דער לופֿט דעם פֿאַרגליווערטן זיפֿץ און וויי פֿון די דרײַ הונדערט טויזנט יִדן, וועמען די הערשערס האָבן אַרויסגעטריבן תּשעה באָבֿ פֿון יאָר 1492, און האָבן געצוואונגען איבערלאָזן זייער האָב־און־גוטס אין דעם לאַנד פֿון זייערע פֿײַניקערס.

יאָר 1492, אַ טראַגישער יאָר אין דער יִדישער געשיכטע. יאָר 1492, אַ וואונדער-יאָר אין דער וועלט. קאָלומבוס האָט אַנט-דעקט אַ נײַע וועלט. דעם דריטן אויגוסט האָבן דרײַ שיפֿן פֿון קאָלומבוסעס עקספּעדיציע פֿאַרלאָזן די ברעגעס פֿון שפּאַניע און באַגעגנט די שיפֿן מיט די אומגליקלעכע יִדן, וועמען מ'האָט אַרויסגעטריבן פֿון די זעלביקע ברעגעס מיט איין טאָג פֿריִער.

עס האָט געשריבן קאָלומבוס אין זײַן טאָגבוך: „אין דעם זעלביקן חודש, אין וועלכן די הערשערס פֿון שפּאַניע האָבן באַפֿוילן די יִדן צו פֿאַרלאָזן זייער קיניגרײַך און זייערע טעריטאָריעס, אין דעם זעלביקן חודש האָבן זיי מיר געגעבן דאָס רעכט און די מיטלען אײַנצואָרדענען מײַן עקספּעדיציע צו אַנטדעקן די אינדיעס".

אַזוי האָט זיך פֿאַרענדיקט אין יאָר 1492 די געשיכטע פֿון די יִדן אין שפּאַניע, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די געשיכטע פֿון די יִדן אין אַמעריקע.

# יִדן האָבן געהאָלפֿן קאָלומבוסן אַנטדעקן אַמעריקע

יִדישע שיפֿן זײַנען אין יענע צײַטן געפֿאָרן אויף אַ סך ימען, און יִדן זײַנען דעמאָלט געפֿאָרן אין אַ סך לענדער. איז קאָלומבוס געקומען צו זיי זיך לערנען, זיך באַקענען מיט זייער דערפֿאַרונג און דערגיין בײַ זיי די סודות פֿון דעם ים און פֿון הימל.

עס האָט דער יִד יהודה קרעסקעס, דער באַוואוסטער מאַפּע-צייכענער פֿון יענער צײַט, פֿאַר אים מאַפּעס געצייכנט און אַ קאָמ-פּאַס געמאַכט און אים געלערנט ווי אַנצוגיין מיט די זאַכן.

עס האָט קאָלומבוסעס פֿרײַנד, ווע‏צינהאַ, דער הויף-דאָקטאָר פֿון פּאָרטוגאַל, פֿאַר אים איבערגעזעצט פֿון העברעיִש קרעסקעסעס אַסטראָנאָמישע פֿאָרשונגען, פֿון וועלכע קאָלומבוס האָט אַ סך געלערנט.

עס האָט אים זייער פֿרײַנדלעך אויפֿגענומען שמואל בן אַבֿרהם זאַקוטאַ, דער יִדישער פּראָפֿעסאָר פֿון סאַלאַמאַנקער אוניווערסיטעט, אים געלערנט און געגעבן וויכטיקע אָנווײַזונגען ווי צו מאַכן זײַן געפּלאַנטע עקספּעדיציע.

אַ געטרײַער יִד איז געווען אָט דער זאַקוטאַ. ער האָט געלערנט אין שפּאַנישן אוניווערסיטעט און אין דער זעלביקער צײַט געשריבן ביכער אויף העברעיִש וועגן יִדישער געשיכטע און אַסטראָנאָמיע. עס האָט נאָך געזען קאָלומבוס, ווי דער אַלטער געלערנטער האָט זיך ניט געוואָלט שמדן און האָט פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד צוזאַמען מיט די אַלע אַרויסגעטריבענע יִדן.

קאָלומבוס האָט זיך אַרומגעדרייט איבער קיניגלעכע הויפֿן און גאָרניט דערגרייכט. ער האָט געווים שוין געטראַכט, אַז פֿון זײַן גרויסן פּלאַן וועט זיך גאָרניט אויסלאָזן — ביז עס האָבן זיך אַרײַנגעמישט עטלעכע פֿאַרמעגלעכע און אײַנפֿלוסרײַכע מאַראַנען.

לואיס דע סאַנטאַנגעל, דער קאַסירער פֿון קיניגלעכן הויף, און זײַן שוואָגער גבֿריאל סאַנכעז, הויפּט-קאַסירער פֿון אַראַגאָניע, האָבן באַוויזן דעם קיניגלעכן פּאָרל, אַז עס וועט זיך לוינען צו שטיצן קאָלומבוסעס עקספּעדיציע. לואיס דע סאַנטאַנגעל האָט פֿאַר דעם צוועק געליִען זיבעצן טויזנט פֿלאָרינס, — אַ קאָלאָסאַלע סומע געלט אין יענער צײַט. מיט דעם געלט פֿון סאַנטאַנגעל האָט קאָלומבוס צוגעגרייט זײַן ערשטע עקספּעדיציע און מיט דעם פֿאַרמעגן, וואָס

זיי האָבן צוגענומען בײַ די ייִדן, האָבן די הערשערס פֿון שפּאַניע פֿינאַנסירט קאָלומבוסעס צווייטע עקספּעדיציע.

עס איז פֿאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען, אַז די קיניגלעכע צירונג איז דעמאָלט געווען פֿאַרמשכּנט, כּדי צו קענען באַצאָלן די הוצאות פֿון דער מלחמה מיט די מורן*).

עס האָט סאַנטאַנגעל צוגעזען ווי זײַנע נאָענטע קרובֿים זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן אויף דער אויטאָ־דאַ־פֿע. אפֿשר וואָלט ער אויך געהאַט דעם זעלביקן סוף, ווען דער קיניג וואָלט זיך פֿאַר אים ניט אײַנגעשטעלט.

ווער ווייס, אפֿשר האָט ער און די אַנדערע מאַראַנען, וואָס האָבן אַזוי פֿיל געהאָלפֿן קאָלומבוסן, געטראַכט און געפֿילט, אַז די שיפֿן וועלן דערגרייכן נײַע ברעגעס, וואו ייִדן וועלן קענען האָבן אַ בעסערע און זיכערע היים.

## דער ייִד לואיס טאָרעס, דער ערשטער ווײַסער מענטש אין דער נײַער וועלט

עס זײַנען אַרויסגעפֿאָרן די דרײַ שיפֿן, נינאַ, פּינטאַ און סאַנטאַ מאַריאַ מיט הונדערט און צוואַנציק מענטשן. זעקס פֿון זיי זײַנען געווען ייִדן. צווישן די זעקס זײַנען געווען די צוויי דאָקטוירים מאַרקאָ און בערנאַל און דער שפּראַכן־קענער לואיס דע טאָרעס, וואָס האָט מיט זײַן צונג געדאַרפֿט פֿאַרבינדן די מענטשן פֿון דער אַלטער און נײַער וועלט.

עס איז געווען באַשערט, אַז דער ערשטער מאַטראָס, וואָס האָט דעם 12טן אָקטאָבער, צוויי אַ זייגער פֿאַר טאָג, דערזען פֿון דער ווײַטן פֿײַערלעך, אַ סימן, אַז מ'דערנעענטערט זיך צו לאַנד, איז געווען דער מאַראַן ראָדריגאָ, וועלכער איז נאָך דעם אָוועקגעפֿאָרן קיין טונים און צוריק געוואָרן אַ ייִד.

עס האָט נאָך ניט געטרוימט ענגלאַנד וועגן אַ נײַער וועלט, וואו עס וועלן זײַן אירע קאָלאָניעס. עס איז נאָך געווען אונטער־דריקט דער האָלענדער אונטער שפּאַנישן יאָך און ניט געטראַכט

*) זייער געלונגען דריקט זיך אויס וועגן דעם דער באַוואוסטער אַמעריקאַנער היסטאָריקער, פּראָפֿעסאָר הערבערט ב. אַדאַמס:
"Not Jewels but Jews were the real basis of the first Expedition of Columbus."

וועגן ניי־אַמסטערדאַם. עס האָט נאָך ניט געוואוסט דער שפּאַניער, אַז ער האָט אַנטדעקט אַ נייעם קאָנטינענט, ווען ייִדישע פיס האָבן שוין געטראָטן אויף דער ערד פון אַמעריקע.

עס איז געווען לואיס דע טאָרעס, דער ערשטער ווייסער מענטש, צו טרעטן אויף דעם פאַס לאַנד פון אַמעריקע, וואָס מ׳האָט שפּעטער גערופן סאַן סאַלוואַדאָר. געגאַנגען איז ער זיך צונויפרעדן, ווי זיי האָבן געמיינט, מיט די מענטשן פון אָריענט, און געטראָפן מענטשן פון אַן אַנדער קאָליר און אַן אַנדער שפּראַך.

ווען די עקספּעדיציע האָט דערגרייכט קובאַ, האָט קאָלומבוס געמיינט, אַז ער איז אָנגעקומען אין דעם צענטער פון לאַנד. איז ווידער געגאַנגען דער ייִד לואיס דע טאָרעס צום „קיניג פון לאַנד״ אים איבערצוגעבן אַ בריוו פון דעם קיניג פון שפּאַניע. קיין קיניג פון לאַנד האָט ער ניט געטראָפן. דערפאַר האָט ער דאָרטן געטראָפן טאַבעק, און פון דאָרטן איז דער טאַבעק צום ערשטן מאָל אַוועק קיין אייראָפּע.

לואיס דע טאָרעס איז שוין קיין שפּאַניע צוריק ניט געפאָרן. עס זיינען אים ליבער געווען די ווילדע אינדיאַנער פון קובאַ ווי די ציוויליזירטע איינוואוינערס פון שפּאַניע, וואָס האָבן זיינע קרובים פאַרברענט אויף די שייטער־הויפנס פון דער אויטאָ־דאַ־פע. דע טאָרעס איז שוין אויף אַלע מאָל געבליבן וואוינען אין קובאַ. ער האָט שפּעטער באַשריבן זיין רייזע אין העברעיִשע בריוו און זיי געשיקט צו קרובים אין שפּאַניע.

אַזוי האָבן ייִדן געהאָלפן אַנטדעקן אַמעריקע. אַזוי זיינען ייִדן געווען ביים סאַמע אָנהייב.

## אין די שפּאַנישע קאָלאָניעס

שפּורן פון ייִדן קען מען ביים אָנהייב פון דער קאָלאָניזאַציע געפינען אין אַלע טיילן פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

גרויס און ברייט האָבן זיך געצויגן די פליינען, וועלדער און טייכן פון דער נייער וועלט. עס האָבן געהאָפט די מאַראַנען, אַז אין דער גרויסקייט און ברייטקייט וועלן זיי קענען געפינען אַ רואיק לעבן און ניט וויסן פון דעם שרעק און געפאַר פון דער אינקוויזיציע.

דער מאַראַן סאַנכעז פֿון סאַראַגאָסאַ איז אין יאָר 1502 געווען דער ערשטער מענטש, וואָס האָט געקראָגן דאָס רעכט צו טראַנס־פּאָרטירן פֿינף אָנגעלאָדענע שיפֿן מיט תּבֿואה, פֿערד און אַנדערע נייטיקע זאַכן קיין היספּאַניאָלאַ (קליין־שפּאַניע, ווי די שפּאַניער האָבן גערופֿן אַמעריקע אין יענער צײַט).

זײַן טאַטן האָט די אינקוויזיציע פֿאַרברענט אויפֿן שײַטער־הויפֿן. זײַן פֿעטער גבֿריאל סאַנכעז האָט געהאָלפֿן פֿינאַנסירן קאָלומבוסעס עקספּעדיציע, און דער יונגער סאַנכעז האָט, בײַם אָנהייב, געהאָלפֿן די שפּאַניער אײַנשטעלן אַ ווירטשאַפֿט אויף דער נײַער ערד.

די שפּאַניער און די פּאָרטוגעזער האָבן מיט גוואַלד אָפּגעריסן יידישע קינדער פֿון זייערע עלטערן, מיט צוואַנג זיי אָפּגעשמדט און אָפּגעשיקט אין די קאָלאָניעס. עס האָבן די פּײַניקערס געמיינט, אַז ווען די קינדער וועלן זייערע עלטערן ניט זען, וועלן זיי אויסוואַקסן פֿרומע קריסטן. אין דער זעלביקער צײַט האָבן זיי געוואָלט באַ־פֿעלקערן זייערע קאָלאָניעס.

אַ סך עלטערן האָבן אָבער געפֿונען דעם וועג צו די קאָלאָניעס און אויפֿגעזוכט די קינדער. אין די ווילדערנישן פֿון אַמעריקע האָבן די מאַראַנען געבויט הײַזער, ווירטשאַפֿט געפֿירט, האַנדל געבראַכט און יידישקייט אָפּגעהיט. עס האָט דער מאַראַן קיין גאָלד ניט גע־זוכט און ער איז אין קיין אַוואַנטיורעס ניט אַוועק, נאָר ער האָט פֿרידן געוואָלט און אַרבעט געגערט אויפֿן פֿעלד און אין האַנדל.

די הערשערס פֿון שפּאַניע האָבן דערזען די פֿעיִקייטן פֿון די מאַראַנען און דערקענט זייער ניצלעכקייט בײַם אַקער און בײַם האַנדל. זיי האָבן געזען זייער רואיקייט און געזעצקייט און באַ־שטימט אַ סך מאַראַנען אויף וויכטיקע אַמטן און שטעלעס פֿון דער נײַער וועלט.

## די אינקוויזיציע אין דער נײַער וועלט

די באַריכטן פֿון דער נײַער וועלט האָבן אַן אומרו אַרײַנגעבראַכט אין די הערצער פֿון די אינקוויזיטאָרן. בייזע געדאַנקען האָבן זיך געוועבט אין זייערע מוחות. עס איז זיי ניט געפֿעלן געווען, וואָס מאַראַנען פֿאַרנעמען שטעלעס, וואָס מאַראַנען לעבן רואיק, וואָס מאַראַנען היטן אָפּ צוריק יידישקייט.

אין יאָר 1511 איז אונטערן דרוק פֿון דער אינקוויזיציע אַרויס אַ באַפֿעל פֿון די הערשערס פֿון שפּאַניע, אַז קיין מאַראַנען טאָרן מער ניט פֿאַרנעמען קיין אַמטן אין די קאָלאָניעס פֿון דער נײַער וועלט.

די אינקוויזיציע רוט ניט. זי לויפֿט נאָך די מאַראַנען און ברענגט אומעטום אַרײַן שוידער און פּײַן. אין יאָר 1511 האָט שוין ייִדיש לײַב געברענט אויפֿן שײַטער-הויפֿן, ווען די אינקוויזיציע האָט דורכגעפֿירט איר ערשטע אויטאָ-דאַ-פֿע אויף דער אַמעריקאַנער ערד.

דיעגאָ קאַבאַלעראָ, אַ מאַראַן, איז באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער האָט אָפּגעהיט ייִדישקייט, און די אינקוויזיציע האָט אים פֿאַרברענט. פּונקט אַזוי האָט די אינקוויזיציע פֿאַרברענט זײַן פֿאָטער אין סיוויל, שפּאַניע. טאַטע און זון האָבן ביידע דעם זעלביקן סוף געהאַט. ביידע זײַנען געווען מאַרטירערס פֿאַר זייער ייִדישקייט.

מיט דער אינקוויזיציע האָט זיך פֿאַרענדיקט די ייִדישע געשיכטע אין שפּאַניע און מיט איר האָט זיך אָנגעהויבן די ייִדישע געשיכטע אין אַמעריקע.

אין יאָר 1517 האָט שוין די אינקוויזיציע ברייט פֿאַרצווײַגט איר טעטיקייט אויף דער אַמעריקאַנער ערד. אין יענעם יאָר איז שוין אַפֿילו באַשטימט געוואָרן אַ גרויס-אינקוויזיטאָר פֿאַר אַלע לענדער פֿון דרום- און צענטראַל-אַמעריקע.

די ייִדן האָבן געזוכט נײַע היימען אין דער נײַער וועלט און געפֿונען די אַלטע צרות, שרעק און יסורים.

דורות מאַראַנען האָבן אין דער גרעסטער געפֿאַר געהיט ייִדישקייט אין געהיים. אַן אַלט ייִדיש ספֿר איז פֿון דור צו דור געהאַלטן געוואָרן הייליק, אַ ייִדישער יום-טובֿ איז אין דער שטיל און אין געפֿאַר געוואָרן אָפּגעהיט.

די מאַראַנען האָבן פֿאַר זייער ייִדישקייט מיט זייערע לעבנס באַצאָלט אין דער אַלטער וועלט, און זיי האָבן פֿאַר זייער ייִדישקייט מיט זייערע לעבנס באַצאָלט אויך אין דער נײַער וועלט.

## אין די פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס

דעם 3טן מײַ פֿון יאָר 1500 האָט אַ שטורעם-ווינט צוגעטריבן עטלעכע שיפֿן צו די ברעגעס פֿון אַ לאַנד, וואָס מ'האָט אַ נאָמען

געגעבן בראַזיל. דאָס גרויסע און רײַכע לאַנד בראַזיל איז געוואָרן א פּאָרטוגעזישע קאָלאָניע.

אָט די גרויסע און רײַכע קאָלאָניע האָט פּאָרטוגאַל אָנגעהויבן צו באַזעצן מיט פֿאַרברעכערס און יִידן.

אין יאָר 1497 האָט דער פּאָרטוגעזישער קיניג באַפֿוילן, אַז אַלע יִידן פֿון פּאָרטוגאַל מוזן זיך שמדן, אָדער פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. אויך אין פּאָרטוגאַל איז געווען אַ שיין אײַנגעוואָרצלטער יִדישער ישובֿ, אַ ישובֿ וואָס האָט אין 1478 אײַנגעפֿירט אַ יִדישע דרוקערײַ. פֿון די 24 ביכער, וואָס זײַנען ביזן יאָר 1500 געווען געדרוקט אין גאַנץ פּאָרטוגאַל, זײַנען עלף געווען געדרוקט אין דער העברעיִשער שפּראַך.

דער קיניג פֿון פּאָרטוגאַל האָט באַפֿוילן אַז יענע יִדן, וואָס ווילן זיך ניט שמדן, מוזן קומען קיין ליסאַבאָן, וואו ער וועט זיי געבן שיפֿן אויף אַרויסצופֿאָרן פֿון לאַנד.

אָבער אין דער אמתן האָט דער קיניג געטראַכט בייזע גע־דאַנקען. ווען צוואַנציק טויזנט יִדן זײַנען געקומען קיין ליסאַבאָן, האָט ער באַפֿוילן זיי צו פֿאַרשפּאַרן אין די עסטאַטאָס, גרויסע רע־גירונג־געבײַדעס, וואו עס איז געווען אָרט בלויז פֿאַר פֿינף טויזנט מענטשן, און זיי געהאַלטן אַ פּאָר טעג אָן עסן און אָן וואַסער.

ווען קיינער האָט זיך אַלץ ניט געוואָלט שמדן, האָט דער קיניג באַפֿוילן, אַז מ׳זאָל צונעמען אַלע יִדישע קינדער און זיי אָפּשמדן מיט צוואַנג.

נאָך דער אַנטדעקונג פֿון בראַזיל האָט מען אַזעלכע יִדישע קינדער אַהין געשיקט צו דערציִען זיי ווי קריסטן.

אַ סך עלטערן פֿון די קינדער האָבן געפֿונען דעם וועג קיין בראַזיל און דאָרטן אויפֿגעזוכט די קינדער. מיט דער צײַט האָט זיך געשאַפֿן אַ גרויסע מאַראַנען־קאָלאָניע אין בראַזיל. די מאַראַנען האָבן דאָס לאַנד געבויט און אַנטוויקלט.

יִדן האָבן פֿון דעם אינדזל מאַדעיראַ געבראַכט דעם צוקער און אים פֿאַרפֿלאַנצט אויף דער בראַזילישער ערד און דאָרטן אויפֿ־געבויט גרויסע צוקער־פּלאַנטאַציעס. אויפֿן ברעג פֿון אַטלאַנטישן ים האָבן די יִדן אויפֿגעבויט די קאָלאָניע רעסיפֿע (פּערנאַמבוקאָ). גאָר אין גיכן איז רעסיפֿע געוואָרן דער האַנדלס־צענטער פֿון דרום־

אַמעריקע. רעסיפֿע איז אויך געוואָרן באַוואוסט אונטערן נאָמען „דער ייִדישער האַפֿן".

די אינקוויזיציע האָט אָבער ניט גערוט. זי האָט באַשולדיקט די מאַראַנען, אַז זיי שטייען אין געהיימע פֿאַרבינדונגען מיט ייִדן פֿון אַנדערע לענדער און צוזאַמען מיט די שונאים פֿון פּאָרטוגאַל זוכן זיי אונטערצוגראָבן די פּאָרטוגעזישע הערשאַפֿט אין בראַזיל.

## אין די האָלענדישע קאָלאָניעס

אין יענע יאָרן האָבן שפּאַניע און פּאָרטוגאַל געפֿירט מלחמות קעגן ענגלאַנד. זיי האָט זיך אויך געוואָלט ווערן די וועלטמאַכט, אָבער זיי האָבן פֿאַרלאָרן. ענגלאַנד האָט צעקלאַפּט די שפּאַנישע אַרמאַדאַ און די שפּאַניש-פּאָרטוגעזישע מלוכות האָבן אָנגעהויבן צו פֿאַרלירן זייער מאַכט און אָנזען.

האָלאַנד האָט זיך באַפֿרײַט פֿון שפּאַנישן יאָך אין יאָר 1581. די באַפֿרײַטע האָלאַנד איז געווען טאָלעראַנט צו אַלע רעליגיעס. דעריבער זײַנען מאַראַנען געלאָפֿן קיין האָלאַנד וואו זיי זײַנען צוריק אָפֿן געוואָרן ייִדן.

אין יאָר 1612 האָט האָלאַנד געגרינדעט די „וועסט-אינדיעס קאָמפּאַניע" צו פֿאַרנעמען טעריטאָריעס און צו גרינדן קאָלאָניעס אין דער נײַער וועלט. די האָלענדער האָבן געוואוסט, אַז די ייִדן זײַנען זיי דאַנקבאַר פֿאַר דער פֿרײַהייט און אַז זיי וועלן אין די ייִדן געפֿינען פֿרײַנד אויף וועמען מען קען זיך פֿאַרלאָזן. האָבן זיי דע־ריבער זיך פֿאַרבונדן מיט די מאַראַנען.

די מאַראַנען האָבן געשאַפֿן אייגענע מיליטערישע גרופּעס. אונ־טער דער פֿירערשאַפֿט פֿון צוויי ייִדן, אַלוואַרעז פֿראַנקאָ און עמנואל פֿערנאַנדעז דראַגאַ, האָט אַזאַ מיליטערישע גרופּע אין יאָר 1623 פֿאַרנומען די פּאָרטוגעזישע קאָלאָניע באַיאַ, וואו עס זײַנען געווען אַ סך מאַראַנען.

האָלאַנד האָט גלײַך דאָרט פּראָקלאַמירט פֿרײַהייט פֿאַר די מאַ־ראַנען און זיי זײַנען אָפֿן צוריק געוואָרן ייִדן. מיט צוויי יאָר שפּע־טער האָט פּאָרטוגאַל פֿאַרנומען די קאָלאָניע און געפֿײַערט דעם זיג מיט דעם טויט פֿון פֿינף מאַראַנען.

# קהל קודש (די הייליקע געמיינדע)

מיט דער הילף פון די מאראנען, אונטער דער פירערשאפט פון דעם יידן משה כהן, האט האלאנד פארנומען דעם גרויסן פאר־טוגעזישן האנדל־צענטער פון בראזיל, די שטאט רעסיפע (פערנאמ־בוקא). פון אלע געגנטן האבן זיך מאראנען געצויגן קיין רעסיפע.

אין יאר 1642 זיינען אהין געקומען זעקס הונדערט יידן פון האָ־לאנד און האבן געבראכט מיט זיך תורות.

א גרויסע פרייד איז געווען ביי די מאראנען, ווען זיי האבן אויפגעבויט א שול. זיי האבן זייער געמיינדע א נאמען געגעבן „קהל קודש". גרויס איז געווען די שמחה, ווען נאך אזוי פיל יארן פון אונטערדריקונג און שרעק האבן ארום פינף טויזנט יידן מיט ספרי־תורות און קאפיטלעך תהלים מארשירט איבער די גאסן אונ־טער די קלאנגען פון מוזיק ביז צו דער שול. דאס איז געווען די ערשטע שול אויפן אמעריקאנער קאנטינענט.

די יידן פון רעסיפע האבן אראפגעבראכט פון אמסטערדאם דעם געלערנטן יידן שמואל טאראזא צו לערנען און דערציען זייערע קינ־דער אין יידישן גייסט און געבן זיי יידיש וויסן.

זיי האבן אין רעסיפע געעפנט א גרויסע קינדער־שול מיטן נאמען עץ־חיים (בוים פון לעבן), כדי די קינדער זאלן לערנען און איינזאפן אין זיך דעם יידישן זאפט, און דער יידישער בוים זאל ווייטער לעבן און בליען.

דריי און צוואנציק יאר האבן יידן געלעבט אין בראזיל אין פרייהייט. אין די דריי און צוואנציק יאר האבן זיי אויפגעבויט און אנטוויקלט די גרעסטע קאלאניע פון דרום־אמעריקע. רעסיפע איז געווארן דער גרעסטער און רייכסטער האנדלס־צענטער, וואו עס האבן געאנקערט די האנדלס־שיפן פון יענער צייט. די קאלאניע איז געווען רייך מיט צוקער־רערן, צוקער־ראפינעריעס, די שענסטע פלאנטאציעס און אנדערע פראדוקטן, וואס די האנדלס־שיפן האבן געפירט פון דארטן איבער א סך ימען צו א סך לענדער.

פארטוגאל האט געזוכט אלע וועגן און מיטלען צוריק צו קריגן אט די וויכטיקע און גרויסע קאלאניע. אין דער שטיל און געהיים האט פארטוגאל באוואפנט די אינדיאנער און פארטוגעזער פון רעסיפע צו מאכן א פלוצעמדיקע אטאקע אויף דער קאלאניע און

זי פֿאַרכאַפּן. די ייִדן האָבן זיך דערוואוסט פֿון דעם פּלאַן און האָבן פֿאַרמידן די קאַטאַסטראָפֿע.

פּאָרטוגאַל האָט מאָביליזירט אירע כּוחות און איז אַרויס אין אַ מלחמה קעגן האָלאַנד אין דרום-אַמעריקע. די ייִדן, צוזאַמען מיט די האָלענדער, האָבן בראַוו און העלדיש זיך געשלאָגן מיט די פּאָר-טוגעזער און עס איז זיי געלונגען צו פֿאַרטרײַבן די פּאָרטוגעזער פֿון דער שטאָט. די ייִדן האָבן זיך אַלע צונויפֿגעקליבן אין שול און דער רבֿ יצחק אַבואבֿ האָט פֿאַר זיי געלייענט אַ גרויסע פּאָעמע, וואָס ער האָט פֿאַרפֿאַסט לכּבֿוד דעם זיג.

אָבער אין גיכן איז פּאָרטוגאַל צוריקגעקומען מיט אַ גרעסערער צאָל שיפֿן, מיט אַ סך געווער און מאַכט. די ייִדן מיט די האָלענ-דער האָבן העלדיש געקעמפֿט און פֿאַרלאָרן. די פּאָרטוגעזער האָבן געלאָזט וויסן אַז זיי וועלן אויסהרגענען אַלע ייִדן, אָבער דערווײַל איז אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג פֿון דעם האָלענדישן פֿלאָט און די פּאָרטוגעזער האָבן געמוזט צושטימען, אַז ווען זיי וועלן איבער-נעמען די קאָלאָניע וועלן זיי ניט אויסהרגענען די ייִדן. זיי האָבן גע-געבן די ייִדן נײַנציק טעג צו באַשטימען וואָס צו טאָן: בלײַבן און ווערן קריסטן, אָדער פֿאַרלאָזן די קאָלאָניע.

די ייִדן האָבן אויסגעקליבן צו פֿאַרלאָזן די קאָלאָניע. די פּאָר-



רעסיפֿע (פּערנאַמבוקאָ), די ייִדישע קאָלאָניע אין בראַזיל ביזן יאָר 1654.



**דער רבֿ יצחק אבואַב**
דער ערשטער רב אויף דעם
אַמעריקאַנער קאָנטינענט

טוגעזער האָבן צעשטערט די שול, צעגראָבן דעם בית-עלמין און אַזוי איז חרובֿ געוואָרן די גרויסע ייִדישע קהילה אין דער נײַער וועלט.

די מערסטע ייִדן זײַנען צוריק אַוועקגעפֿאָרן קיין האָלאַנד. אַ טייל זײַנען אַוועק אין ענגלישע און האָלענדישע קאָלאָניעס אין די וועסט-אינדיעס, וואו עס זײַנען שוין געווען אָרגאַניזירטע ייִדישע קהילות, און אַ קליינע גרופּע, דרײַ און צוואַנציק ייִדן, מענער, פֿרויען און קינדער זײַנען געקומען צו די ברעגעס פֿון דעם האָדסאָן, קיין נײַ-אַמסטערדאַם, דאָס הײַנטיקע ניו-יאָרק.

# אין נײַ-אַמסטערדאַם

אין אַ שיינעם סעפּטעמבער-טאָג פֿון יאָר 1654 האָט צו די ברעגעס פֿון נײַ-אַמסטערדאַם זיך דערנענטערט די פֿראַנצייזישע שיף „סיינט טשאַרלס". אויפֿן דעק פֿון שיף זײַנען געשטאַנען דרײַ און צוואַנציק ייִדן, וואָס האָבן מיט האָפֿענונג און פֿרייד געקוקט אויף דעם פֿאַס לאַנד בײַם ברעג פֿון האָדסאָן. נײַן מאָנאַטן שוין ווי זיי זײַנען אין וועג. ענדלעך האָבן זיי דערגרייכט אַ לאַנד, וואו זיי וועלן קענען בויען אַ זיכערע היים און לעבן אין שלום.

דאָס זײַנען געווען דרײַ און צוואַנציק ייִדן, וואָס זײַנען מיט נײַן



**יעקב בר שמשון**
דער ערשטער ייִד
אין נײַ־אַמסטערדאַם

הדשים פֿריִער אַנטלאָפֿן פֿון בראַזיל, ווען פּאָרטוגאַל האָט דאָרטן פֿאַרנומען די האָלענדישע קאָלאָניע.

זייער האָב־און־גוטס האָבן זיי איבערגעלאָזן אין בראַזיל, ווען דער שונא האָט פֿאַרנומען זייער קאָלאָניע. דאָס ביסל פֿאַרמעגן, וואָס זיי האָבן אַרויסגעראַטעוועט און מיטגענומען מיט זיך, ווען זיי זײַנען אַנטלאָפֿן, האָבן פּיראַטן בײַ זיי צוגערויבט אויף זייער וואַנדער־וועג. זײַנען זיי געקומען קיין נײַ־אַמסטערדאַם אָרעם, זייער אָרעם.

דער קאַפּיטאַן פֿון דער שיף, וואָס האָט זיי געבראַכט קיין נײַ־אַמסטערדאַם, האָט געפֿאָדערט, אַז די ייִדן זאָלן אים באַצאָלן צוויי טויזנט מיט פֿינף הונדערט גילדערס פֿאַר דער רײַזע. נײַן הונדערט האָבן זיי אים אײַנגעצאָלט בײַם אַרויספֿאָרן און מער האָבן זיי ניט געהאַט.

דער קאַפּיטאַן איז געווען אין כּעס און האָט פֿון גאָרניט געוואָלט וויסן. ייִדן קומען אים געלט און מוזן אים באַצאָלן. ער האָט די ייִדן געבראַכט פֿאַר די ריכטערס פֿון שטאָט און די ריכטערס האָבן באַשטימט, אַז די ייִדן מוזן באַצאָלן. אויב זיי האָבן ניט קיין געלט,

זאָל דער קאַפּיטאַן צונעמען ביי זיי אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר מיט זיך, און עס פאַרקויפן אויף אַ ליציטאַציע.

עס זיינען אויפן מאַרק פון ניי־אַמסטערדאַם געשטאַנען דריי און צוואַנציק יידן, מענער, פרויען און קינדער און מיט שרעק אין די אויגן געקוקט אויף די בירגער פון שטאָט, וואָס זיינען געקומען אָפּ־קויפן דאָס ביסל זאַכן, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך.

דער קאַפּיטאַן איז געווען אין כעס. ער האָט גערעדט צו די מענטשן אַרום, זיי דערציילט, אַז די יידן קומען אים געלט, און דער־פאַר מוז ער איצט פאַרקויפן אַלץ, וואָס זיי האָבן.

די איינוואוינערס פון ניי־אַמסטערדאַם האָבן אים שטיל אויס־געהערט און געקויפט די זאַכן. פונקט ווי זיי וואָלטן זיך פון פריער אָפּגערעדט, האָבן זיי די געקויפטע זאַכן די יידן באַלד צוריק אָפּגעגע־גבן. די פריינדשאַפט פון דער באַפעלקערונג האָט אַריינגעבראַכט פרייד און האָפענונג אין די יידישע הערצער. זיי וועלן — האָבן זיי געטראַכט — ניט פאַרלאָרן גיין צווישן די פריינדלעכע האָ־לענדער.

ביז איז אָבער געווען דער קאַפּיטאַן, ווייל די ליציטאַציע האָט קיין סך געלט אים ניט אַריינגעבראַכט.

## פעטער סטייוועסאַנט

באַלד האָבן אָבער די יידן באַגעגנט אַ נייע און ערגערע צרה.

פעטער סטייוועסאַנט, דער גאַווערנאָר פון ניי־אַמסטערדאַם, האָט ניט געקענט דולדן קיין מענטשן פון אַנדערע גלויבנס. ער האָט אויך ניט געוואוסט פון קיין טאָלעראַנץ צום פרעמדן און פון קיין רחמנות צו דעם פאַרפאָלגטן.

מענטשן וואָס זיינען געפאָרן צווישן די קאָלאָניעס, פלעגן אָפט זיך אָפּשטעלן אין ניי־אַמסטערדאַם און סטייוועסאַנט האָט ביטער געקעמפט, אַז די דורכפאָרערס זאָלן ניט פאַרבלייבן אין שטאָט.

פעטער סטייוועסאַנט האָט גערופן צו זיך די אָנגעקומענע יידן און זיי געזאָגט, אַז זיי מוזן פאַרלאָזן די קאָלאָניע. ער וויל ניט האָבן קיין יידן אין זיין קאָלאָניע, זאָלן זיי בעסער אַוועק מיט גוטן, אויב ניט, וועט ער זיי אַריינוואַרפן אין ים און זיי וועלן קענען צוריקשווימען אַהין פון וואַנען זיי זיינען געקומען. ער האָט גע־



די שיף מיט די ערשטע 23 יידן, ביים אַנקערן אין ניי־אַמסטערדאַם, דעם 12טן סעפּטעמבער, 1654.



**פעטער סטײַװעסאַנט**
גאָװערנאָר פֿון
נײַ־אַמסטערדאַם

רעדט מיט כּעס און די גאַנצע צײַט געקלאַפּט אין דיל מיטן זיל־בערנעם עק פֿון זײַן הילצערנער פֿוס.

די ייִדן האָבן אים רואיק געענטפֿערט אַז זײ װעלן צוריק ניט פֿאָרן. זײ האָבן שױן גענוג געװאַנדערט און זיך אַנגעליטן ביז זײ זײַנען געקומען צו די ברעגעס פֿון האָדסאָן. אױך האָבן זײ געזאָגט דעם בײזן גאָװערנאָר אַז אין האָלאַנד און אין די האָלענדישע קאָלאָניעס האָבן די ייִדן פֿולע פֿרײַהײט און אַזױ װעט אױך זײַן אין נײַ־אַמסטערדאַם.

אײנער פֿון זײ, יעקבֿ כּהן הענדריק, האָט צו אים געזאָגט: „זעסט דעם שניט אױף מײַן פּנים, דאָס האָב איך געקראָגן, װען איך האָב צוזאַמען מיט די האָלענדער פֿאַרטײדיקט די האָלענדישע קאָלאָניע אין בראַזיל. אין יענער מלחמה איז געהרגעט געװאָרן מײַן ברודער משה כּהן הענדריק. מיר זײַנען דאָרט געװען מיט די האָלענדער די בעסטע פֿרײַנד און מיר װעלן אױך זײַן זײערע פֿרײַנד דאָ — אין נײַ־אַמסטערדאַם".

די אַלע רײד האָבן אָבער ניט װײכער געמאַכט פּעטער סטײַװעסאַנטס האַרץ. ער האָט געברענט פֿון כּעס װאָס די ייִדן רעדן אַזױ צו אים און װילן ניט פֿאָלגן זײַן באַפֿעל. עס האָט פֿריִער אין דער קאָלאָניע קײן מאָל ניט געטראָפֿן מ׳זאָל ניט טאָן זײַן װילן.

* * *

ווען די שיף „די שײנקײט פֿון נעסאָ” איז אָפּגעפֿאָרן פֿון נײַ־אַמסטערדאַם קײן האָלאַנד האָט זי געפֿירט מיט זיך דרײַ בריוו. אַ בריוו פֿון פּעטער סטײַװעסאַנט צו די דירעקטאָרן פֿון דער „װעסט־אינדיעס קאָמפּאַניע”, די באַלעבאַטים פֿון דער קאָלאָניע. אין דעם בריוו האָט ער זײ געלאָזט װיסן, אַז די קאָלאָניע איז אין געפֿאַר, װײַל ייִדן זײַנען דאָרטן אָנגעקומען. אמת, ער האָט די ייִדן באַפֿוילן צו פֿאַרלאָזן די קאָלאָניע, אָבער זײ װילן אים ניט פֿאָלגן. בעט ער דעריבער בײַ די דירעקטאָרן די דערלױבעניש, זײ זאָלן אים דערלױבן אַרױסצוטרײַבן די ייִדן. אױב ער װעט לאָזן די ייִדן בלײַבן און זײ געבן פֿרײַהײט און דאָס רעכט צו בױען הײַזער, צו אַרבעטן און צו האַנדלען, װעט ער אױך מוזן געבן דאָס זעלביקע רעכט צו קריסטן פֿון אַנדערע סעקטעס און קירכעס.

די אַנדערע צװײ בריוו זײַנען געװען פֿון די ייִדן. אײן בריוו צו די באַלעבאַטים פֿון דער קאָלאָניע. אין דעם בריוו האָבן די ייִדן באַשריבן זײערע איבערלעבונגען אין בראַזיל. זײ האָבן דערמאָנט, אַז די ייִדן זײַנען גוטע און געטרײַע בירגער און האָבן דערצײלט װי העלדיש זײ האָבן געקעמפֿט אין בראַזיל אױף דער זײַט פֿון די האָלענדער. אין נײַ־אַמסטערדאַם זײַנען זײ געקומען זוכן רו און בױען אַ הײם פֿאַר זיך. בעטן זײ דעריבער די דירעקטאָרן פֿון דער קאָלאָניע, אַז זײ זאָלן הײסן פּעטער סטײַװעסאַנט ער זאָל זײ צו רו לאָזן. אױך בעטן זײ, אַז די ייִדן זאָלן אין דער קאָלאָניע קריגן די פֿולע רעכט פֿון בירגער װי זײ האָבן דאָס אין האָלאַנד און אין די אַנדערע האָלענדישע קאָלאָניעס.

דער צװײטער בריוו איז געװען צו די ייִדן אין האָלאַנד. אין יענעם בריוו האָבן זײ געבעטן בײַ זײערע ברידער זײ זאָלן זיך פֿאַר זײ אָננעמען און פּועלן בײַ די באַלעבאַטים פֿון דער קאָלאָניע, צװישן װעלכע עס זײַנען אױך געװען ייִדן, אַז מען זאָל זײ לאָזן פֿאַרבלײַבן אין נײַ־אַמסטערדאַם כּדי זײ זאָלן רואיק און ניט געשטערט זיך קענען בױען אַ נײַע הײם.

## דער ענטפֿער פֿון האָלאַנד

גרױס איז בײַ ייִדן געװען די פֿרײד, װען נאָך אַ לאַנגן, קאַלטן און הונגעריקן װינטער, איז אין אַפּריל, 1655, אָנגעקומען צו די ברעג־

געם פֿון ניי־אַמסטערדאַם אַ שיף פֿון האָלאַנד. די שיף האָט געבראַכט נאָך יידן קיין ניי־אַמסטערדאַם און אויך הילף פֿאַר דער קליינער און פֿאַרפֿאָלגטער גרופּע יידן.

זי האָט אויך געבראַכט אַ בריוו פֿון די דירעקטאָרן פֿון דער „וועסט־אינדיעס קאָמפּאַניע” צו דעם גאָווערנאָר פֿון דער קאָלאָניע, פּעטער סטײַוועסאַנט. אין דעם בריוו האָט מען אים באַפֿוילן, אַז ער זאָל לאָזן די יידן לעבן אין דער קאָלאָניע. ער זאָל זיי ניט פֿאַר־פֿאָלגן, נאָר לאָזן זיי האַנדלען און וואוינען פֿרײַ אין ניי־נידערלאַנד. אין דעם בריוו האָבן זיי אים אויך דערמאָנט, אַז די יידן האָבן געקעמפֿט פֿאַר די האָלענדער אין בראַזיל און אַז דאָרטן האָבן זיי אַלץ פֿאַרלאָרן. אויך האָבן זיי אים דערמאָנט, אַז אין האָלאַנד פֿאַר־פֿאָלגט מען ניט קיין מענטשן צוליב זייער רעליגיע.

ווען פּעטער סטײַוועסאַנט האָט פֿאַרענדיקט לייענען דעם בריוו, האָט ער פֿון גרויס כּעס ניט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט. ער האָט בלויז, ווי זײַן געוואוינהייט איז געווען אין צײַט פֿון אויפֿרעגונג, געקלאַפּט מיט דער הילצערנער פֿוס אין דיל.

פֿאַר די יידן איז עס געווען אַ טאָג פֿון יובל און פֿרייד. זיי האָבן אויסגעקעמפֿט זייער רעכט און פֿרײַהייט. יידן האָבן אָנגעהויבן בויען זייערע היימען אין דער שטאָט, וואָס איז מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן דער גרעסטער און פֿרײַסטער יידישער ישוב אין דער וועלט.

אין דעם בריוו פֿון די דירעקטאָרן צו פּעטער סטײַוועסאַנט האָבן זיי אים אויך געשריבן, אַז די יידן מוזן צוזאָגן אַליין צו באַזאָרגן זייערע אָרעמע און קראַנקע כּדי ניט צו פֿאַלן צו לאַסט אויף דער באַפֿעלקערונג. די יידן האָבן געגעבן אַזאַ צוזאָג און היטן אים אָפּ ביזן הײַנטיקן טאָג.

# דער ערשטער חנוכּה אין אַמעריקע

דאָס איז געווען אין אַ קאַלטן דעצעמבער־טאָג פֿון יאָר 1654 אין ניי־אַמסטערדאַם. דער ווינטער איז אין יענעם יאָר פֿרי אָנגעקומען און אײַנגעהילט די שטאָט אין אַ ווײַסקייט פֿון פֿראָסט און שניי.

פֿון ביידע טײַכן האָט זיך געטראָגן אַ שאַרפֿער ווינט און האָט געטאַנצט אין אַ קאַראַהאָד מיטן שניי אַרום די עטלעכע קליינע

הײַזער, וואָס האָבן זיך געטוליעט אָן דער זײַט אויף מיל־גאַס, לעבן מיזרח־טײַך.

דאָרטן, אין יענע הײַזער, האָבן געוואוינט ייִדן. די ערשטע דרײַ און צוואַנציק ייִדן פֿון צפֿון־אַמעריקע.

די ייִדן האָבן זיך אין יענעם טאָג געשראָקן פֿאַר אַ שטורעם, ניט פֿאַרן שטורעם פֿון שניי און ווינט, נאָר פֿאַרן שטורמישן צאָרן פֿון דעם גובערנאַטאָר פֿון דער קאָלאָניע, פּעטער סטײַוועסאַנט, וואָס איז אין יענעם טאָג צוריקגעקומען פֿון אַן אינספּעקציע־טור איבער די „וועסט אינדיעס”.

צוויי חדשים איז סטײַוועסאַנט ניט געווען אין דער קאָלאָניע און דאָס האָט געגעבן די ייִדן אַ מעגלעכקייט זיך אײַנצואָרדענען אין נײַ־אַמסטערדאַם.

נאָך אין דעם זעלביקן טאָג האָט דער שעריף פּעטער וואַן טיהאָווען, געלאָזט וויסן די ייִדן, אַז דער גובערנאַטאָר וויל זיי זען. עס זײַנען צו אים אַוועק די ייִדן אָשר לעווי און משה כהן הענדריק.

פּעטער סטײַוועסאַנט האָט די ייִדן אויפֿגענומען בייז. זײַן אָדלער־נאָז האָט זיך נאָך מער פֿאַרשפּיצט, ווען ער האָט דערזען די ייִדן.

— „ייִדן” — האָט ער מיט כּעס געזאָגט — „איידער איך בין אַוועקגעפֿאָרן האָב איך אײַך באַפֿוילן צו פֿאַרלאָזן די קאָלאָניע, און איר האָט מײַן באַפֿעל ניט געפֿאָלגט. איר וועט מוזן איצט פֿאַרלאָזן נײַ־אַמסטערדאַם. אויב ניט, וועל איך אײַך אַרײַנוואַרפֿן אין ים און איר וועט שווימען צוריק אַהין פֿון וואַנען איר זײַט געקומען”.

אָשר לעווי איז צוגעגאַנגען דרייסט צום גובערנאַטאָר און געזאָגט: — „מיר זײַנען געקומען דאָ צו בלײַבן. אויף דער נײַער ערד פֿון דער נײַער וועלט וועלן מיר בויען אונדזער נײַע היים. מיר זײַנען ערלעכע מענטשן און גוטע בירגער. מיר ווילן און וועלן העלפֿן בויען די קאָלאָניע און זי אָפּהיטן קעגן שׂונאים און אַנפֿאַלערס”.

סטײַוועסאַנט האָט זיך פּלוצעם צעלאַכט מיט אַ ווילדן געלעכטער, וואָס האָט אַנגעוואָרפֿן אַ שוידער אויף די צוויי ייִדן, און מיט אַ הייזעריקער שטים זיך צעשריִען: — „ייִדן, ערלעכע מענטשן?! ייִדן זײַנען בלויז הענדלערס, סוחרים, אָפּנאַרערס. איר וועט אָפּהיטן די קאָלאָניע? ייִדן האָבן דאָך קיין מאָל ניט געוואוסט ווי צו האַלטן אַ שווערד אין דער האַנט!”

דאָ האָט זיך צוגערוקט משה כהן הענדריק און געזאָגט: — „איך

וויס, אַז דו ווייסט גאָרניט וועגן יידן און דערפאַר רעדסטו אַזוי וועגן אונדז. אָבער מיר, יידן, וויסן אַז מיר זיינען אַלע מאָל געווען בויערס און אַפּהיטערס פון רעכט און פרייהייט".

— „ווען דו וואָלטסט געקענט אונדזער געשיכטע, וואָלטסטו געוואוסט, אַז ווען די עלטער-זיידעס פון די היינטיקע גרויסהאַלטערס און באַרימערס זיינען נאָך געווען ווילדע מענטשן, האָבן שוין אונדזערע זיידעס געקעמפט פאַר רעכט און פאַר זייער לאַנד. ווען דו וואָלטסט נאָר געוואוסט פון דעם קאַמף און זיג פון די מאַקאַביייער, וואָלטסטו אַנדערש גערעדט וועגן יידן. יע, היינט איז טאַקע דער יום-טוב פון דעם מאַקאַבייער-זיג איבער די יידישע שונאים און מיר וועלן אים איצט גיין פייערן".

די צוויי יידן האָבן זיך פאַרנייגט און פאַרלאָזט דאָס הויז פון דעם גובערנאַטאָר.

סטייוועסאַנט האָט פון אויפרעגונג אַ לאַנגע צייט ניט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט. ער האָט בלויז געקלאַפּט מיטן זילבערנעם עק פון זיין הילצערנער פוס אין דיל. יידן זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן געוואַגט ניט צו פאָלגן זיין באַפעל און אַזוי רעדן צו אים.

ווען אָשר לעווי און משה כהן הענדריק זיינען אַריין אין הויז פון דעם געלערנטן יידן אַבֿרהם ד'לוצאַנאַ, זיינען שוין דאָרט געווען פאַרזאַמלט אַלע יידן פון ניי-אַמסטערדאַם צו פייערן צוזאַמען דעם ערשטן חנוכּה אין אַמעריקע.

אַבֿרהם ד'לוצאַנאַ האָט גענומען אַ ליכט אין האַנט און האָט געזאָגט: — „ברידער יידן, איך וויס, אַז אייערע הערצער זיינען פאַרזאָרגט וועגן אונדזער גורל. אָט זיינען מיר מיט דריי חדשים צוריק געקומען אין אַ נייער וועלט, אין אַ ניי לאַנד צו בויען פאַר אונדז אַ היים אין רו און פרידן. האָבן מיר געפונען דאָ אַ בייזן הערשער, וואָס לאָזט אונדז ניט בויען אונדזער היים און וויל אונדז ניט געבן קיין רו און פרידן.

„היינט איז חנוכּה, אונדזער ערשטער חנוכּה אין אַמעריקע. איך געדענק אַ חנוכּה מיט אַ סך יאָרן צוריק אין ליסאַבאָן, פאָרטוגאַל. די שטאָט האָט געיובלט. גלאָקן האָבן געקלונגען און פראָצעסיעס האָבן זיך געצויגן איבער די גאַסן. דאָס האָט די שטאָט זיך געפרייט ווען מ'האָט געפירט צום שייטער-הויפן די משפחה מאַגאַ-

דורא, אַ מאַמע מיט זיבן קינדער, פֿאַרברענט צו ווערן בלויז דערפֿאַר ווײַל זיי זײַנען יידן און ווילן יידן פֿאַרבלײַבן.

„איך האָב דעמאָלט ניט געקענט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס מײַן מאַמע האָט אין דער שטיל געוויינט און מײַן טאַטנס אויגן זײַנען געווען פֿול מיט שרעק און טרויער, ווען אַלע האָבן געיובלט.

„יענעם טאָג האָט דער טאַטע מיר דערציילט, אַז מיר זײַנען יידן. ער האָט אַרײַנגעשטעלט אַ קליין ליכטל אין אַ גרויסן ערדישן קרוג. אָנגעצונדן דאָס ליכטל און מיר געזאָגט: 'זעסט, מײַן קינד, דאָס ליכטל? זײַן פֿלאַם איז שטאַרקער פֿון אַלע פֿלאַמען אין דער וועלט. הונדערטער יאָרן ווי דער פֿלאַם ברענט און ברענט און עס וועט קיין מאָל ניט זײַן קיין כּוח, וואָס זאָל אים קענען פֿאַרלעשן. אָט דער פֿלאַם באַלויכט אונדזער לעבן און שײַנט פֿאַר אונדז אויף פֿינצטערע וועגן אין אַלע שלעכטע צייטן און ווײַזט אונדז ווי אויס-צוהאַלטן און צו גיין ווײַטער.

„שטיל און טונקל איז געווען אין צימער. דער פֿלאַם אין קרוג האָט געוואָרפֿן בלייכע שאָטנס אויף די ווענט און בײַ יענעם פֿלאַם האָט מיר דער טאַטע דערציילט די מעשׂה פֿון חנוכּה.

„ווען דער טאַטע האָט מיר דערציילט די מעשׂה פֿון חנהן מיט אירע זיבן זין, האָב איך דערפֿילט אין זיך אַ געוויין און עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז די זעלביקע פֿרוי מיט אירע זיבן קינדער האָט מען געפֿירט אויף די גאַסן פֿון ליסאַבאָן, פֿאַרברענט צו ווערן.

„דער פֿלאַם פֿון קליין ליכטל האָט צעגאָסן אַ וואַרעמקייט אין מיר און טיף אין מײַן נשמה האָב איך אָנגעהויבן פֿילן, אַז איך וויל און וועל זײַן אַ ייד.

„אויף מאָרגן האָט דער טאַטע אָנגעצונדן צוויי ליכטלעך אין ערדישן קרוג און בײַם פֿלאַם פֿון די צוויי ליכטלעך האָט דער טאַטע מיך געבעטן, אַז איך זאָל אים איבערדערציילן די געשיכטע פֿון חנוכּה.

„דער טאַטע איז געזעסן און זיך צוגעהערט צו דער מעשׂה, פּונקט ווי ער וואָלט עס צום ערשטן מאָל געהערט. דער פֿלאַם פֿון די ליכטלעך איז געפֿאַלן אויף זײַן פּנים און אַ ליכטיקער שײַן האָט זיך צעגאָסן איבערן צימער.

„איר זעט, ברידער מײַנע" — האָט אַבֿרהם ד'לוצאַנאָ ווײַטער געזאָגט — „עס איז ניט געלונגען אַנטיוכוסן אומצוברענגען דאָס

יִדישע פֿאָלק, עס איז דאָס ניט געלונגען דעם פּאָרטוגעזישן קיניג דאָן יאָן, און עס איז ניט געלונגען דער אינקוויזיציע צו פֿאַרטיליקן בײַ די יִדן זייער גלויבן, און עס וועט אויך ניט געלינגען פּעטער סטײַוועסאַנטן אונדז צו פֿאַרטרײַבן פֿון דאַנען".

„עס זײַנען בײַ יִדן געווען אַ סך חנוכּות און הײַנט האָבן מיר אַ נײַע חנוכּה אויף דער נײַער אַמעריקאַנער ערד, וואו מיר זײַנען געקומען באַנײַען אונדזער לעבן. דער פֿלאַם פֿון די ליכטלעך וואָס מיר וועלן איצט צינדן וועט לײַכטן אין דער ווײַטער אייביקייט פֿון אַמעריקע".

# דער ערשטער פּסח אין ניו־יאָרק

דאָס איז געווען פֿאַר־פּסח פֿון יאָר 1655 אין נײַ־אַמסטערדאַם. נאָך אַ שווערן און קאַלטן ווינטער, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן שיינע און זוניקע טעג. פֿון שניי וואָס איז צעגאַנגען איז געוואָרן אַ בלאָטע.

באַזונדער שלעכט איז געוואָרן דער וועג אַרום די עטלעכע קליינע און אָרעמע הײַזער אויף דער צווייטער זײַט פֿון דער ניט־ברוקירטער מיל־גאַס, לעבן דעם מיזרח־טײַך.

דאָרטן האָבן געוואוינט יִדן, די ערשטע יִדן אין צפֿון־אַמעריקע. עטלעכע און צוואַנציק אין צאָל זײַנען זיי געווען.

געקומען זײַנען זיי צו די ברעגעס פֿון דעם האַדסאָן מיט אַ האַלב יאָר צוריק, כּדי זיך צו ראַטעווען פֿון דער שרעקלעכער אינקוויזיציע, וואָס האָט זיי געיאָגט פֿון בראַזיל. וואַנדערנדיק האָבן זיי פֿאַרלאָרן זייער גאַנץ האָב־און־גוטס.

זייער אָרעם ברויט האָבן זיי פֿאַרדינט דורך שווערער אַרבעט אַרום האַדסאָן, אָדער דורך וואַנדערן אויף אַלע וועגן צו קויפֿן אַ פֿעל בײַ אַן אינדיאַנער און עס פֿאַרקויפֿן אויף אַ האָלענדישער האַנדלס־שיף, וואָס האָט זיך אַלע מאָל געפֿונען בײַ די ברעגעס פֿון נײַ־אַמסטערדאַם.

אין איינעם אַזאַ שיינעם טאָג האָבן יִדן זיך געקליבן אין הויז פֿון זייער פֿירער אַבֿרהם ד'לוצאַנאַ. ווען ער האָט געלעבט אין פּאָרטוגאַל, איז ער געווען אַ מאַראַן. אין געהיים האָט ער גע־



דער דאָקומענט אין דער האָלענדיש׳ער שפּראַך, וואָס דערציילט אַז
ייִדן זײַנען געקומען קיין ניי־אַמסטערדאַם דעם 12טן סעפּטעמבער, 1654.

לערנט יידיש וויסן און מיט דער צײַט איז ער געוואָרן אַ געלערנטער און געטרײַער ייד.

ווען אַלע יידן זײַנען שוין געווען פֿאַרזאַמלט, האָט דער הויכער און שיינער אַבֿרהם ד'לוצאַנאָ באַטראַכט אַ מינוט דעם עולם מיט ליבשאַפֿט, און האָט אָנגעהויבן רעדן:

— „יידן, מײַנע ברידער, יידן! איך האָב אײַך אַלע פֿאַרבעטן הײַנט צו מיר, ווײַל מיר מוזן זיך דורכרעדן וועגן עטלעכע זייער וויכטיקע זאַכן.

„ווי איר ווייסט, האָט אונדז נעכטן סטײַוועסאַנט ווידער גערופֿן צו זיך און געשריִען, אַז מיר מוזן אַוועק פֿון דאַנען. ער וויל ניט האָבן קיין יידן אין דער קאָלאָניע, וואו ער איז דער גובערנאַטאָר".

— „יאָ, ער האָט זיך נאָך געחכמעט אויך", — האָט זיך אָפּגערופֿן שלמה פּיטערסען — „זאָלן מיר בעסער אַוועקגיין פֿון דאַנען אַליין, אַניט וועט ער אונדז אַלע אַרײַנוואַרפֿן אין וואַסער, און זאָלן מיר שווימען צוריק פֿון וואַנען מיר זײַנען געקומען. אַזאַ רשע איז ער!"

— „איר האָט אָבער געדאַרפֿט זען ווי זײַן פּנים איז געוואָרן גרין ווי גאַל, ווען איך האָב אים אַ זאָג געטאָן, אַז מיר זײַנען דאָ געקומען אויף שטענדיק. מיר זײַנען דאָ געקומען בויען אַ היים, אַ היים אויף אַלע מאָל, בײַ די ברעגעס פֿון האָדסאָן. אײַ, האָט ער זיך געוואָרפֿן און האָט געקלאַפּט מיט דער הילצערנער פֿוס אין דיל, אַז עס איז געווען אַ מחיה אים אָנצוקוקן" — האָט געזאָגט דער העלדישער אָשר לעווי.

— „און איך" — האָט געזאָגט יעקבֿ כּהן הענדריק — „האָב אים געוויזן דעם שניט אויפֿן פּנים און אים געזאָגט, אַז דאָס האָב איך געקראָגן בײַם פֿאַרטיידיקן די האָלענדישע קאָלאָניע אין בראַזיל, און מײַן ברודער משה כּהן הענדריק איז דעמאָלט געהרגעט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע יידן און האָלענדישע סאָלדאַטן".

— „איך האָב אים גלײַך געזאָגט, אַז אַלע זײַנע געשרייען וועלן אים גאָרניט העלפֿן; מיר וועלן דאָ בלײַבן. דאָס לאַנד געפֿעלט אונדז און מיר וועלן דאָ בויען אונדזער היים אויף שטענדיק" — האָט געזאָגט סאַלאָוואַדאָ דאַנדראַדאָ — „מיך האָט זייער וויניק געאַרט ווען ער האָט זיך געשלײַדערט, מיר האָבן אים געזאָגט, אַז אין אַמסטערדאַם באַציט מען זיך בעסער צו יידן, און אַז דאָרטן

וויסן זיי, אַז ייִדן זײַנען פֿרידלעכע און ניצלעכע בירגער, און זאָל ער אונדז אויפֿהערן צו יאָגן".

— „מײַנע ברידער, עס איז געווען אַ פֿאַרגעניגן צו הערן אײַערע קלוגע און מוטיקע רייד. זיכער וועלן מיר דאָ פֿאַרבלײַבן און אוודאי וועט דאָ שוין זײַן אונדזער היים אויף אַלע מאָל. זאָל ער שרײַען און, מיר וועלן בויען" — האָט געזאָגט אַבֿרהם ד'לוצאַנאָ.

— „אָבער, ברידער ייִדן, מיר האָבן דאָ פֿאַר זיך דערווײַל עטלעכע אַנדערע זייער וויכטיקע זאַכן, וואָס מיר מוזן באַזאָרגן. ווי איר ווייסט, ווען מיר האָבן געשיקט אונדזער בריוו צו אונדזערע ברידער קיין אַמסטערדאַם, האָבן מיר זיי אויך געבעטן, אַז זיי זאָלן אונדז באַזאָרגן מיט ווײַן און אַנדערע זאַכן אויף פּסח, וואָס דאָ קענען מיר עס ניט קריגן".

„עס זײַנען שוין פֿאַרבײַ עטלעכע חדשים און מיר האָבן נאָך אַלץ קיין ענטפֿער ניט געקראָגן. דערווײַל קומט אָן פּסח. אָן ווײַן וועלן מיר זיך פּסח קענען באַגיין, אָבער מצות מוזן מיר דאָך האָבן. אין פּאָרטוגאַל פֿלעגן מיר דאָך אונדזער לעבן אײַנשטעלן, כּדי צו באַקן מצות אין געהיים. און דאָ?"

— „מצות האָב איך שוין באַזאָרגט" — האָט זיך אָפּגערופֿן אַבֿרהם דע לאַ סימאָן — „איך האָב שוין גערעדט מיטן מילנער פּעטער וואָלפֿערסען, און פֿאַר אַ ביסל געלט וועט ער אונדז לאָזן אָפּשײַערן די שטיינער פֿון מיל און מאָלן ווייץ אויף פּסחדיקע מעל".

עס איז גלײַך באַשטימט געוואָרן, אַז אַבֿרהם דע לאַ סימאָן, אָשר לעווי און דוד ישׂראל זאָלן באַזאָרגן מעל אויף מצות, און באַקן די מצות זאָל מען טאָקע דאָ אין הויז פֿון אַבֿרהם ד'לוצאַנאָ, די ערשטע מצות אין אַמעריקע.

עס איז געווען פּונקט ערבֿ־פּסח ווען דער וועכטער בײַם וואַ-סער־טויער פֿון נײַ־אַמסטערדאַם האָט צעקלונגען דעם גרויסן גלאָק — אַ סיגנאַל, אַז צו די ברעגעס דערנענטערט זיך אַ שיף פֿון דער אַלטער היים.

צו די ברעגעס איז צוגעשוואומען די גרויסע האָלענדישע שיף „די שיינקייט פֿון נעסאַ". דער קאַפּיטאַן פֿון דער שיף האָט איבער-געגעבן דעם גובערנאַטאָר פֿון דער קאָלאָניע, פּעטער סטײַוועסאַנט, אַ גרויסן פֿאַרזיגלטן בריוו פֿון דער „וועסט־אינדיעס קאָמפּאַניע", די באַלעבאַטים פֿון דער קאָלאָניע.

מענטשן, וואָס זײַנען דעמאָלט געווען לעבן דעם גובערנאַטאָר, האָבן נאָך דעם דערציילט, אַז זיי האָבן זיך באמת דערשראָקן ווען זיי האָבן געזען ווי גרין און געל עס איז געוואָרן סטײַוועסאַנט, ווען ער האָט געלייענט דעם בריוו, וואו מען האָט אים געהייסן, אַז ער זאָל לאָזן די ייִדן צו רו און זיי לאָזן בויען פֿרידלעך זייער היים אין נײַ-אַמסטערדאַם. מ'האָט אַפֿילו דערציילט, אַז פֿון גרוים אויפֿרעגונג האָט ער אַ גאַנץ לאַנגע צײַט קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסרעדן.

מיט דער שיף זײַנען אויך געקומען צוויי ייִדן פֿון האָלאַנד, וואָס האָבן געבראַכט פֿאַר די ייִדן פֿון נײַ-אַמסטערדאַם מתּנות פֿון די האָלענדישע ייִדן. צווישן די מתּנות איז אויך געווען אַ פֿעסעלע פּסחדיקער ווײַן.

אַ סך אײַנוואוינערס האָבן זיך יענעם אָוונט פֿאַרזאַמלט לעבן די פֿענצטער פֿון אַבֿרהם ד'לוצאַנאָס הויז צו הערן דעם שיינעם געזאַנג בײַם אָפּריכטן דעם סדר.

עטלעכע און צוואַנציק ייִדן זײַנען געזעסן צוזאַמען אַרום אַ לאַנגן טיש. אויבן-אויף איז געזעסן אַבֿרהם ד'לוצאַנאָ, אָנגעטאָן אין אַ קלאָר-ווײַסן קיטל, וואָס די פֿרויען האָבן לכּבֿוד פּסח אויפֿגענייט פֿון האָלענדישן לײַוונט.

נאָכן סדר האָט זיך אויפֿגעשטעלט אַבֿרהם ד'לוצאַנאָ און געזאָגט:

— „מײַנע ברידער, ייִדן, איך וויל אײַך בעטן אַ געפֿעליקייט. איך בעט אײַך, אַז פֿון הײַנט אָן זאָל מײַן הויז ווערן דאָס הויז פֿון דער קהילה. מיר זײַנען אַ רעשטל, געבליבן פֿון אַ סך ייִדן. לאָמיר אונדזער קהילה רופֿן 'שארית ישראל', דאָס הייסט 'דאָס רעשטל געבליבענע ייִדן'.

„זאָל פֿון אונדזער 'שארית ישראל' אויסוואַקסן אַ גרויסע, גוטע און שיינע ייִדישע קהילה אין אַמעריקע".

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך דאָס געזאַנג געטראָגן פֿון אַבֿרהם ד'לוצאַנאָס הויז.

## דער שטרײַט צווישן די ייִדן און פּעטער סטײַוועסאַנט

די האָלענדער האָבן מורא געהאַט, אַז אינדיאַנער און ענגלענדער וועלן באַפֿאַלן נײַ-אַמסטערדאַם, האָבן זיי אויפֿגעבויט אַ גרויסע וואַנט לעבן דער מיזרח-זײַט פֿון טײַך, 2340 פֿוס די לענג האָט געהאַט

די וואַנט, און לעבן דער וואַנט איז טאָג און נאַכט אַרומגעגאַנגען אַ בירגער־וואַך. אין דער וואַך האָט געמוזט דינען יעדער אײַנוואוינער פֿון שטאָט.

פּעטער סטײַוועסאַנט האָט אָבער באַפֿוילן, אַז די ייִדישע אײַנוואוינערס פֿון נײַ־אַמסטערדאַם טאָרן ניט זײַן אין דער בירגער־וואַך. נאָר ער האָט געהייסן, אַז יעדער ייִד, אין עלטער פֿון זעכצן ביז זעכציק יאָר, זאָל צאָלן אַ ספּעציעלן שטײַער, אָנשטאָט דינען אין דער וואַך.

די צוויי ייִדן אָשר לעווי און יעקבֿ בר שמשון זײַנען געקומען צו סטײַוועסאַנטן און אים געזאָגט, אַז זיי וועלן ניט צאָלן קיין ספּעציעלע שטײַערן. אויב אַלע אײַנוואוינערס פֿון שטאָט וועלן צאָלן אַזאַ שטײַער, וועלן זיי אויך צאָלן. אויב די אײַנוואוינערס פֿון שטאָט דינען אין דער בירגער־וואַך, ווילן זיי אויך דינען אין דער בירגער־וואַך.

עס האָט גאָרניט לאַנג געדויערט און צווישן די וועכטערס פֿון דער שטאָט האָט מען אויך געקענט זען ייִדן.

דער שטרײַט צווישן די ייִדן און פּעטער סטײַוועסאַנט איז ווײַטער אָנגעגאַנגען. פּעטער סטײַוועסאַנט האָט בײַ יעדער געלעגנהייט און מעגלעכקייט געזוכט צו באַגרענעצן און פֿאַרקלענערן די ייִדישע רעכט און פֿרײַהייטן אין דער קאָלאָניע. די ייִדן האָבן פֿאַרלאַנגט דאָס רעכט צו האָבן בירגער־רעכט אין נײַ־אַמסטערדאַם, און סטײַוועסאַנט האָט בשום אופֿן נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז די ייִדן זאָלן ווערן פֿולע בירגער. אויך דעם קאַמף האָבן די ייִדן געוואונען. דעם 21סטן אַפּריל פֿון יאָר 1657 זײַנען יעקבֿ בר שמשון און אָשר לעווי געוואָרן אײַנגעשוואָרן ווי בירגער פֿון נײַ־אַמסטערדאַם, די ערשטע צוויי ייִדישע בירגער אין אַמעריקע.

## אָשר לעווי

דער אָנגעזעענסטער ייִדישער פֿירער און קעמפֿער פֿאַר ייִדישע רעכט אין נײַ־אַמסטערדאַם איז געווען אָשר לעווי, אַ געבאָרענער אין אַמסטערדאַם, און איינער פֿון דער ערשטער גרופּע דרײַ און צוואַנציק ייִדן, וואָס זײַנען געקומען קיין נײַ־אַמסטערדאַם פֿון בראַזיל אין יאָר 1654.

אַשר לעווי איז געווען איינער פֿון די ייִדן וואָס האָט באַשלאָסן זיך ניט צו שרעקן פֿאַרן בייזן גובערנאַטאָר פּעטער סטײַוועסאַנט.

ער האָט גאַנץ קלאָר און שאַרף געלאָזט וויסן סטײַוועסאַנטן, אַז ער וועט זיך ניט לאָזן אונטערדריקן דערפֿאַר ווײַל ער איז אַ ייִד. ער האָט אים אויך בײַ יעדער געלעגנהייט דערמאָנט, אַז ער איז ניט מער ווי אַן אָנגעשטעלטער פֿון דער קאָמפּאַניע — און אַז די קאָמפּאַניע וועט באַשליסן וואָס צו טאָן און ניט ער.

ער צוזאַמען מיט אַנדערע ייִדן האָבן אויסגעקעמפֿט זייער רעכט קעגן דעם ווילן פֿון סטײַוועסאַנטן צו קענען האַנדלען אין דער קאָלאָניע און קענען פֿאָרן אַזוי ווײַט ווי ביז פֿאָרט אָרענדזש (אָלבאַני) און האַנדלען מיט די אינדיאַנער לעבן דרום־טײַך (דעלאַווער־טײַך).

אין יאָר 1664, ווען עס איז געווען די געפֿאַר, אַז די ענגלענדער וועלן פֿאַרנעמען די קאָלאָניע האָט סטײַוועסאַנט גערופֿן אַ באַראַטונג פֿון די אָנגעזעענסטע און רײַכסטע בירגער פֿון דער קאָלאָניע. צווישן זיי איז אויך געווען דער ייִד אָשר לעווי, וועמען סטײַוועסאַנט האָט בלויז מיט עטלעכע יאָר פֿריִער ניט געוואָלט האָבן אין דער קאָלאָניע, און וועמען ער האָט פֿאַרפֿאָלגט צוזאַמען מיט די אַנדערע ייִדן.

אויף דער באַראַטונג איז אָשר לעווי געזעסן אויבנאָן לעבן סטײַוועסאַנט און צו זײַן וואָרט און עצה האָט מען זיך אויף יענער באַראַטונג זייער גוט צוגעהערט.

אָשר לעווי איז געווען איינער פֿון די ערשטע, וואָס האָט בײַגעשטײַערט אַ גרויסע סומע געלט פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג פֿון נײַ־נידערלאַנד. דער אָרעמער, אונטערדריקטער ייִד פֿון 1654 איז שוין געווען אַן אָנגעזעענער בירגער אין יאָר 1664.

אָשר לעווי איז געווען דער פּיאָנער אין דער נײַער וועלט. ער האָט פֿאַר קיינעם קיין מורא ניט געהאַט. ער האָט ניט געציטערט פֿאַרן בייזן הערשער און זיך ניט געשראָקן פֿאַר דער געפֿאַר, וואָס האָט געלויערט אין דער אַרומיקער סבֿיבֿה. ער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט פֿאַרלאַנגט גערעכטיקייט פֿאַר זיך און יושר פֿאַר יעדן אונטערדריקטן און געפּײַניקטן.

וואו מ'האָט נאָר געדריקט אַ ייִדן אין דער קאָלאָניע, איז ער אַלע מאָל געווען גרייט אים צו העלפֿן מיט זײַן מי און געלט. ער האָט

זיך ניט געשראָקן פֿאַרן ריכטער און ניט מורא געהאַט פֿאַרן באַ-אַמטן, ווען ער האָט געדאַרפֿט זיך אָננעמען די קריוודע פֿון דעם גערעכטן.

אָשר לעווי, וואָס האָט גוט געוואוסט דעם טעם פֿון אָרעמקייט און אונטערדריקונג, איז אַלע מאָל געווען אויף דער וואַך צו העלפֿן יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר געדאַרפֿט הילף, אָן אונטערשייד פֿון גלויבן און רעליגיע.

ווען די לוטעראַנער האָבן געוואָלט בויען זייער ערשטע קירך אין ניו-יאָרק און האָבן קיין געלט ניט געהאַט, איז געקומען דער ייִד אָשר לעווי און זיי געגעבן דאָס געלט. די ערשטע לוטעראַנישע קירך אין אַמעריקע איז געוואָרן געבויט מיט דער פֿינאַנציעלער הילף פֿון אַ ייִדן, וואָס האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף זײַן טאָלעראַנט צו אַלע מענטשן און צו אַלע רעליגיעס, און בכלל דאַרף מען העלפֿן יעדן איינעם, וואָס דאַרף הילף.

געשטאָרבן איז ער אין יאָר 1688. זײַנס אַן אוראייניקל, מיטן זעלביקן נאָמען אָשר לעווי, איז געווען אַן אָפֿיציר פֿון אַ רעגימענט סאָלדאַטן אין ניו-דזשוירזי, וואָס האָט געקעמפֿט פֿאַר דער באַפֿרײַ-אונג פֿון די קאָלאָניעס אין יאָר 1776.

אָשר לעווי איז ניט געווען דער איינציקער קעמפֿער צווישן דער גרופּע, וואָס איז געקומען צו די ברעגעס פֿון נײַ-אַמסטערדאַם אין יאָר 1654. יעדער איינער פֿון זיי איז געווען אַ העלדישער פּיאָנער און מוטיקער קעמפֿער פֿאַר זײַן רעכט און פֿאַר דעם רעכט פֿון דער גאַנצער גרופּע ייִדן.

אין משך פֿון די צען יאָר, וואָס די ייִדן זײַנען אין דער נײַער וועלט געווען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די האָלענדער, האָבן זיי ביסלעכווײַז, טריט בײַ טריט, מוטיק אויסגעקעמפֿט זייער רעכט צו וואוינען און האַנדלען אין דער קאָלאָניע.

ווען יעקבֿ בר שמשון האָט אין אַ טאָג פֿון יאָר 1658 זיך אָנט-זאָגט צו קומען אין געריכט, ווײַל יענער טאָג איז געווען שבת, האָבן די ריכטערס פֿון נײַ-אַמסטערדאַם געמוזט צוגעבן, אַז זיי קענען אים דערפֿאַר ניט באַשטראָפֿן, ווײַל זיי קענען אים ניט צווינגען צו פֿאַר-שוועכן זײַן רעליגיעזן גלויבן.

אין יאָר 1660 האָבן די ייִדן אָשר לעווי און משה לוצענאַ אויס-

געקעמפֿט פֿאַר זיך דאָס רעכט צו זײַן קצבֿים אין נײַ־אַמסטערדאַם. אין יענער צײַט האָט מען אַ קצבֿ באַטראַכט ווי אַ באַאַמטן און כּדי צו קענען זײַן אַ קצבֿ האָט מען געדאַרפֿט קריגן געוויסע רעכט און פּריווילעגיעס. אויך האָבן די ייִדן דעמאָלט אויסגעקעמפֿט פֿאַר זיך דאָס רעכט ניט בלויז צו האַנדלען אַרום דעם האָדסאָן, נאָר אויך אַרום דעם „דרום־טײַך" (דעלאַווער ריווער). קעגן דעם האָט סטײַ־וועסאַנט שטאַרק געקעמפֿט, אָבער ער האָט פֿאַרלאָרן.

סטײַוועסאַנט האָט טאַקע אויסגעפֿירט ניט צו דערלאָזן, אַז די ייִדן זאָלן בויען אַ שול צו דאַוונען. האָבן זיי געדאַוונט אין פּרי־וואַטע הײַזער. זיי האָבן אָבער געקראָגן די פּריווילעגיע און רעכט צו האָבן אַן אייגענעם בית־עולם. דער בית־עולם האָט געדאַרפֿט זײַן „ווײַט אונטערן שטאָט", האָבן זיי געקויפֿט אַ שטיק לאַנד „ווײַט אונטערן שטאָט", וואָס איז געווען דער ערשטער ייִדישער בית־עולם אין אַמעריקע און געפֿינט זיך נאָך ביז הײַנטיקן טאָג אויף טשעטהעם־סקווער לעבן איסט בראָדוויי און דער באָוערי.

פּונקט צען יאָר, פֿון דעם זיבעטן סעפּטעמבער, 1654, ביזן זי־בעטן סעפּטעמבער, 1664, האָבן די ייִדן געלעבט אין נײַ־נידערלאַנד אונטער דער האָלענדישער הערשאַפֿט און איר גובערנאַטאָר פּעטער סטײַוועסאַנט.

דאָס זײַנען געווען צען שווערע יאָר פֿאַר דער קליינער גרופּע פֿאַרפֿאָלגטע ייִדן, וואָס האָבן קיום מיטן לעבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פֿון די נעגל פֿון דער שווידערלעכער אינקוויזיציע און האָבן זיך באַ־זעצט בײַ די ברעגעס פֿון האָדסאָן. אין משך פֿון די צען יאָר האָבן זיי מיט פּיאָנערישער מוט און פֿולן גלויבן, צוזאַמען מיט אַלע אַנ־דערע פּיאָנערן פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער און לענדער, געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר דער פֿרײַער אַמעריקע, און דעם פֿונדאַמענט פֿאַר דעם גרעסטן ייִדישן ישובֿ אין דער וועלט.

## דער ייִד און דער גאָווערנאָר

דאָס איז געווען דעם לעצטן טאָג פּסח פֿון יאָר 1664 אין נײַ־אַמסטערדאַם. עס האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע סימנים פֿון פֿרילינג אין נײַ־נידערלאַנד. דיביימער און די גראָזן לעבן דעם האָדסאָן און איסט־ריווער האָבן גענומען שפּראָצן און בליִען. די



קאָלאָניע האָט דערוואַכט צו אַ נײַ לעבן. דער פֿרילינג איז געקומען קיין נײַ־אַמסטערדאַם און האָט געבראַכט אויפֿוואַכונג און פֿרייד נאָך אַ שווערן און קאַלטן ווינטער.

ניט פֿריילעך און ניט מונטער איז אָבער געווען דער גאָווערנאָר פֿון דער קאָלאָניע, פּעטער סטײַוועסאַנט. ער האָט געוואוסט, אַז צוזאַמען מיטן פֿרילינג איז אויך געקומען די געפֿאַר, אַז די ענגלישע שיפֿן זאָלן צופֿאָרן צו די ברעגעס פֿון האָדסאָן און פֿאַרנעמען די קאָלאָניע. ער האָט אויך געוואוסט, אַז די אײַנוואוינערס פֿון דער קאָלאָניע האָבן אים ניט ליב און וועלן געוויס זיך ניט שלאָגן פֿאַר דער קאָלאָניע וואו ער איז דער הערשער.

סטײַוועסאַנט האָט פֿאַרבעטן צו זיך די רײַכסטע און אָנגעזעענסטע בירגער פֿון דער קאָלאָניע אויף אַ באַראַטונג. זאָלן זיי צוזאַמען מיט אים עפּעס טאָן, און טאָן טאַקע גלײַך, אַז די קאָלאָניע זאָל ניט אַרײַנפֿאַלן אין ענגלישע הענט.

צווישן די פֿאַרבעטענע בירגער איז אויך געווען דער ייִד אָשר לעווי. ווען אָשר לעווי איז אַרײַנגעקומען אין דער „ווײַסער האַלע"

פֿון דעם גאָווערנאָר, האָט ער שוין דאָרטן געטראָפֿן די אָנגעזעענע בירגער וואַן דאַרן, קאָרנעליוס רעסענסעליר, וואַן קאָרטלאַנד, וואַן טינהאָוועז, וואַן קיעל, פעטער פיעטערסען און אַנדערע.

דער גאָווערנאָר האָט דעם יידן זייער העפֿלעך אויפֿגענומען און אים געבעטן זיצן. אָשר לעווי האָט זיך געזעצט פונקט אַנטקעגן דעם גאָווערנאָר. עס האָט זיך אים ניט געוואָלט גלייבן אַז דאָס איז דער זעלביקער סטייוועסאַנט, וואָס האָט מיט ניין יאָר צוריק, ערבֿ פסח, געטופעט מיטן זילבערנעם עק פֿון זיין הילצערנעם פֿוס און געשריען, אַז ער וועט קיין ייִדן אין זיין קאָלאָניע ניט האָבן, אַז ער וועט ניט דערלאָזן, אַז אין אַ קאָלאָניע וואו ער איז דער גאָווערנאָר זאָל זיין אַ סינאַגאָגע. ער האָט דעמאָלט געשוימט מיט כּעס ווען די באַלעבאָטים פֿון דער קאָלאָניע האָבן פונקט יענעם ערבֿ פסח, מיט ניין יאָר צוריק, אים געלאָזט וויסן אַז ער זאָל די ייִדן לאָזן וואוינען און האַנדלען אין דער קאָלאָניע.

היינט זיצט ער דאָ אַזאַ נעבעכדיקער, אָט דער מעכטיקער סטיי־וועסאַנט, אַזוי אַלט און דערשלאָגן. אַ רחמנות האָט אַרומגעכאַפּט דעם ייִדן אָשר לעווי אויף אים, דעם גאָווערנאָר פֿון ניי־ני־דערלאַנד.

דער גאָווערנאָר האָט געבעטן און אַפּעלירט צו די חשובֿע ביר־גער פֿון ניי־נידערלאַנד צו ראַטעווען די קאָלאָניע פֿאַרן כּבֿוד פֿון דעם פֿאָטערלאַנד.

מען דאַרף געלט, אַ סך געלט צו פֿאַרפֿעסטיקן און פֿאַרגרע־סערן די וואַנט ביי דעם איסט־ריווער און מען דאַרף פֿאַרשטאַרקן די וואַך אַרום דער וואַנט. אפֿשר איז נאָך דאָ אַ מעגלעכקייט ניט צו דערלאָזן, אַז ענגלישע שיפֿן זאָלן אַריינפֿאָרן אין האַפֿן און פֿאַר־נעמען די קאָלאָניע.

„איך אַליין”, האָט סטייוועסאַנט געזאָגט, „גיב די ערשטע צען פֿלאָרין פֿאַרן פֿאַרטיידיקונג־פֿאָנד פֿון דער קאָלאָניע”. „איך גיב הונדערט פֿלאָרין”, האָט זיך דערהערט אַ שטים. אַלעמענס אויגן האָבן זיך אַ ווענד געטאָן צו דער זייט פֿון וואַנען דער אויסרוף איז געקומען און זיי האָבן דערזען דעם ייִדן אָשר לעווי. רואיק און געלאַסן האָט אָשר לעווי געזאָגט: „מיר, ייִדן, זיינען אַלע מאָל געטריייע און לאָיאַלע בירגער, און ווען די קאָלאָניע איז אין געפֿאַר,

דאַרפֿן מיר זי באַשיצן. מיר האָבן מיט צען יאָר צוריק באַשיצט די האָלענדישע קאָלאָניע אין בראַזיל מיט אונדזערע פֿאַרמעגנס און לעבנס".

סטײַוועסאַנט האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן יידן און צוויי פּאָר אויגן האָבן זיך באַגעגנט. דער ייִד און דער גאָווערנאָר האָבן זיך אויף אַ מינוט אָנגעקוקט. די ווערטער פֿון דעם ייִדן זײַנען דעם גאָווערנאָר געווען זייער גוט באַקאַנט. אָט אַזוי האָט דער ייִד גערעדט מיט קנאַפּע צען יאָר צוריק, ווען זיי זײַנען דאָ געקומען און, ער, דער גאָווערנאָר האָט זיי ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן. ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט געשריִען, אַז זיי זאָלן בעסער אַליין אַוועקגיין, אויב ניט וועט ער זיי אַרײַנוואַרפֿן אין ים אַרײַן און זאָלן זיי צוריק שווימען פֿון וואַנען זיי זײַנען געקומען.

עס איז בלויז צען יאָר, — און הײַנט זיצט דער זעלביקער ייִד צווישן די אָנגעזועענסטע און רײַכסטע בירגער פֿון דער קאָלאָניע און באַט אָן הונדערט פֿלאָרין — צען מאָל מער ווי ער, סטײַ־וועסאַנט, דער גאָווערנאָר, האָט אָנגעבאָטן; מער ווי די רײַכערע בירגער פֿון נײַ־אַמסטערדאַם. יאָ, דאָס איז דאָך דער זעלביקער ייִד, וואָס האָט געקעמפֿט פֿאַר זײַן רעכט צו זײַן אין דער בירגער־וואַך.

ווען סטײַוועסאַנט האָט געזען דעם קאַלטן אָפּרוף פֿון די האָ־לענדישע בירגער פֿון נײַ־נידערלאַנד אויף זײַן ווענדונג, האָט ער מיטן זילבערנעם עק פֿון זײַן הילצערנער פֿוס אָנגעהויבן קלאַפּן אין דיל, ווי זײַן געוואוינהייט איז געווען אין צײַט פֿון כּעס און אויפֿרעגונג, און בײַ זיך געטראַכט: דער ייִד איז דאָך טאַקע גערעכט. דער ייִד איז לאָיאַל און מען וועט אים אפֿשר טאַקע דאַרפֿן געבן אַ ביסל מער רעכט, נאָך דעם ווי די ענגלישע געפֿאַר וועט אַריבערגיין...

# די ייִדן אין די קאָלאָניעס

אין דעם גרויסן און שווערן גאַנג פֿון די פּיאָנערן איבער די ווילדערנישן פֿון דער נײַער וועלט, האָבן אויך מיטמאַרשירט ייִדן. אויך זיי, די ייִדן, האָבן געהאָלפֿן בויען ישובֿים צווישן אויסגעהאַקטע וועלדער און אויף אויסגעטריקנטע זומפּן.

ייִדן האָבן מיט זייער מי און פֿעיִקייטן אַ סך געהאָלפֿן צו אַנט־

װיקלען די װירטשאַפֿט פֿון די קאָלאָניעס און געהאָלפֿן פֿאַרבעסערן דאָס לעבן פֿון די קאָלאָניסטן. ייִדן האָבן געהאַט קרובֿים אין פֿאַרשיידענע קאָלאָניעס. די קאָלאָניסטן פֿון די פֿאַרשיידענע קאָלאָניעס זײַנען צװישן זיך געװען פֿרעמד און װײַט. ייִדן זײַנען אָבער אומעטום געװען צװישן זיך נאָענט און פֿרײַנדלעך. ייִדן האָבן געהאָלפֿן אַנטװיקלען דעם האַנדל צװישן די קאָלאָניעס.

ייִדן האָבן פֿון די דרום-קאָלאָניעס געבראַכט רײַז, באַװל און װאַטע אין די צפֿון-קאָלאָניעס. פֿון די צפֿון-קאָלאָניעס האָבן זײ געבראַכט תּבֿואה און פֿיש. די לאַנגע, שװערע אומזיכערע װעגן זײַנען געװאָרן נעענטער אַ דאַנק די ייִדישע פֿאַרבינדונגען און דעם ייִדישן האַנדל.

ייִדן האָבן געקענט שפּראַכן און זײ האָבן געהאַט קרובֿים אין די װעסט-אינדיעס, אין צפֿון-אַפֿריקע און אין אײראָפּע. ייִדישע שיפֿן האָבן זיך דעמאָלט געטראָגן אויף אַלע ימען און האָבן פֿאַרבונדן די קאָלאָניעס מיט דער װעלט.

די ייִדישע שיפֿן האָבן אַרײַנגעבראַכט אין די קאָלאָניעס זאַלץ און צוקער, אײַזנװאַרג און ציגל, צירונג און געװאַנט, כּלים און מעבל און אַ סך אַנדערע נייטיקע זאַכן פֿאַרן געברויך פֿון די קאָלאָניסטן.

עס זײַנען אין די קאָלאָניעס געװען אַלערלײ ייִדישע בעל-מלאכות און דאָקטױרים.

ייִדן האָבן געהאָלפֿן די קאָלאָניעס זיך צו אַנטװיקלען, זײ זאָלן װערן רײַך און קענען שפּעטער װערן זעלבשטענדיק.

פֿינף ייִדישע געמײנדעס האָבן זיך אַנטװיקלט אין די קאָלאָניעס. די פֿינף ייִדישע ישובֿים זײַנען געװען אין ניו-יאָרק, פֿילאַדעלפֿיע, טשאַרלסטאָן, ניופּאָרט און סאַװאַנאַ. אין דער צײַט פֿון דער רעװאָלוציע איז אין ריטשמאָנד, װירדזשיניאַ, אױפֿגעקומען די זעקסטע ייִדישע קהילה.

## אין ניו-יאָרק

דעם 7טן סעפּטעמבער, 1664, האָט די ענגלישע פֿלאָטע פֿאַרנומען נײַ-אַמסטערדאַם און פֿון נײַ-אַמסטערדאַם איז געװאָרן ניו-יאָרק. די ענגלענדער האָבן אָפּגעהיט דאָס רעכט פֿון די ייִדן װאָס זײ

האָבן אויסגעקעמפּט אונטער די האָלענדער. דער פּירשט פון יאָרק, אויף וועמענס נאָמען מען האָט אָנגערופן די שטאָט, האָט באַפוילן אַז מען זאָל קיינעם ניט טאָן קיין שלעכטס צוליב זײַן גלויבן און רעליגיע.

יאָרן לאַנג האָבן ייִדן געדאַווענט און אָפּגעהיט ייִדישקייט בײַ זיך אין די הײַזער. אונטער די ענגלענדער, ווען די צאָל ייִדישע משפּחות האָט דערגרייכט צוואַנציק, האָבן זיי אָפּגעדונגען אַ הויז צום דאַווענען און האָבן אָרגאַניזירט די ערשטע ייִדישע געמיינדע אין ניו-יאָרק, אונטערן נאָמען „שארית ישראל" — דאָס רעשטל פון ישׂראל.

אין יאָר 1728 האָבן זיי מיט גרויס פײַערלעכקייט געעפנט די ערשטע שול אין צפון-אַמעריקע. אַ קליינע, שטיינערנע געבײַדע מיט צוויי פענצטער און אַ האַלב קײַלעכדיקע טיר, אַרומגערינגלט מיט אַ הילצערנעם צאַם. אַרום דער שול האָבן זיך געטוליעט צוואַנציק ייִדישע הײַזער. ניט ווײַט פון דער שול איז געשטאַנען די גרויסע הילצערנע ווינטמיל, וואָס האָט געמאָלן מעל פאַר די בירגער פון נײַ-אַמסטערדאַם, און דערפאַר טאַקע האָט די גאַס געהייסן „די מיל-גאַס".

ניט ווײַט פון דאָרטן איז געלעגן די גרויסע צוקונפטיקע ניו-יאָרק, אײַנגעטונקען אין טיפן וואַלד, אין געדיכטע בלאָטעס, אין סעדער און לאָנקעס אויף וועלכע עס האָבן זיך געפּאַשעט די קי פון נײַ-אַמסטערדאַם.

דאָרטן וואו עס איז געשטאַנען די ערשטע שול אין אַמעריקע, ציט זיך הײַנט די ברוקלין-בריק. ווײַט-ווײַט אונטערן שטאָט, וואו עס איז הײַנט טשעטהעם-סקווער, לעבן איסט בראָדוויי, איז געווען דער ערשטער ייִדישער בית-עולם אין אַמעריקע. צווישן די צוואַנציק ייִדישע פאַמיליעס זײַנען דעמאָלט געווען: איין קצב, דרײַ ליכט-ציִערס, איין ביר-מאַכער, איין פּאַרוק-מאַכער, איין בעקער, צוויי שנײַדערס, צוויי מעטאַל-אַרבעטער, איין זאָטל-מאַכער, איין לעדער-אַרבעטער, איין שוסטער, איין טאַבאַק-פאַרקויפער, איין בראָנפן-מאַכער און דרײַ דאָקטוירים. אַלע אַנדערע זײַנען געווען סוחרים.

איינער פון די גרעסטע סוחרים פון ניו-יאָרק איז געווען לואיס משה גאָמעז, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין שפּאַניע אין יאָר 1654 און איז געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1700.

די געשיכטע פֿון די שפּאַנישע יִדן איז אַ מערקווערדיקע. הונ־
דערטער יאָרן זײַנען פֿאַרלאָפֿן, דורות זײַנען פֿאַרגאַנגען זינט גירוש־
שפּאַניע. דאָס אויג פֿון דער אינקוויזיציע האָט שטרענג געוואַכט
איבער די מאַראַנען, און דאָך האָבן זיי דורות לאַנג אין געהיים און
אין דער גרעסטער געפֿאַר אָפּגעהיט יִדישקייט.

אין דעם 17טן און 18טן יאָרהונדערט זײַנען אַ סך מאַראַנען
אַנטלאָפֿן פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. זיי זײַנען געקומען קיין אַמע־
ריקע און זײַנען דאָ געוואָרן פֿרײַע און שטאָלצע יִדן. אַנדערע זײַ־
נען געקומען מיט אייגענע שיפֿן און האָבן געהאָלפֿן אַנטוויקלען די
שיף־אינדוסטריע אין אַמעריקע. איינער פֿון זיי איז געווען לואיס
משה גאָמעז, וואָס צוזאַמען מיט זײַנע פֿינף זין האָט ער געהאָלפֿן
אַנטוויקלען די ווירטשאַפֿט פֿון ניו־יאָרק. ער, דער מאַראַן, האָט
אָנגעפֿירט מיט דער אַרבעט צו בויען די סינאַגאָגע און געזען אַז מ׳זאָל
גלײַך עפֿענען אויך אַ שול פֿאַר יִדישע קינדער צו לערנען און דער־
ציִען זיי ווי יִדן.

די יִדישע שיפֿן וואָס זײַנען אַריבערגעקומען פֿון שפּאַניע און
פּאָרטוגאַל האָבן דערגרייכט אַלע ברעגעס און אַלע וויכטיקע צענ־


Expiration of Every Six Months, he or they so neglecting to pay or Discharge
The same at such period, shall be no longer deemed a member of this
Congregation, neither shall he or they have any מצות Privileges or other
Honors of the Synagogue or the Liberty of making any מי שברך, And if a
יחיד or יחידים his or Their Name shall be Erased, and no longer be deemed a
Member of this קהל; And that the Parnas for the Time being shall
have it in his power to Give such Further Lenity to those Indebted to
The Synagogue as he in his Prudence shall Judge Requisite, and it is
Also agreed That These Resolves shall be read by the Rubbi publickly
in The Synagogue on The Next שבת Being שבת הגדול

שלום על ישראל

Saml Hart
Jacob Isaacs
Jos Simson
Adjuntas

אַ רעדוצירטע פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ זײַט פֿון דעם פּראָטאָקאָל פֿון דער שארית
ישׂראל קהילה אין ניו־יאָרק פֿון דעם 21סטן מערץ, 1718.

טערם פֿון האַנדל. דער ייִדישער ישובֿ איז געוואַקסן. צוזאַמען מיט די מאַראַנען פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל זײַנען אויך געקומען ייִדן פֿון ענגלאַנד, האָלאַנד, דײַטשלאַנד און אַפֿילו פֿון ווײַטן פּוילן. ווען אין יאָר 1749 האָט דער שוועדישער געלערנטער און רײַזנדער פּעטער קאַלם געמאַכט אַ רײַזע איבער אַמעריקע, האָט ער אין זײַן בוך אויך באַשריבן די ייִדן פֿון ניו־יאָרק. ער באַשרײַבט, ווי אַזוי ער איז געווען אין דער שול און האָט געזען צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן ווי ייִדן דאַוונען. „די מענער" — שרײַבט ער — „האָבן געדאַוונט מיט ווײַסע לײַלעכער איבער זייערע קעפּ". דאָס זײַנען, פֿאַרשטייט זיך געווען די טליתים. ער באַשרײַבט אויך, אַז ער האָט געזען שיינע ייִדישע הײַזער און ייִדישע שיפֿן אין האַפֿן.

אין יענער צײַט האָבן די ייִדן געעפֿנט די ערשטע ייִדישע קינדער־שול אין אַמעריקע. די קינדער האָבן דאָרטן געלערנט פֿון נײַן אין דער פֿרי ביז צוועלף בײַטאָג און פֿון צוויי בײַטאָג ביז פֿיר פֿאַרנאַכט. די קינדער האָבן אין דער שול געלערנט ייִדישע און אַלגעמיינע לימודים. אחוץ שׂכר־לימוד, האָבן די קינדער אויך געדאַרפֿט ברענגען אין די ווינטער־חדשים בינטלעך האָלץ צו באַהייצן דעם קלאַס־צימער און ליכט צו באַלײַכטן.

די שטאָט ניו־יאָרק האָט אָנגעהויבן פֿאַרנעמען אַן אָנגעזען אָרט אין דעם לעבן פֿון די קאָלאָניעס און צוזאַמען מיט דער שטאָט איז געוואַקסן דער ייִדישער ישובֿ און דער ייִדישער אָנזען. ערבֿ דער רעוואָלוציע האָבן ייִדן געהאַט דאָס זעלביקע רעכט און אָנזען ווי ניט־ייִדן. דער ייִד שמשון סאַמפּסאָן איז געווען איינער פֿון די אַכט סוחרים וואָס זײַנען געוואָרן דעלעגירט צו קריגן אין יאָר 1770 דעם טשאַרטער פֿון ניו־יאָרקער האַנדלס־קאַמער. ערבֿ דער רעוואָלוציע איז די באַפֿעלקערונג פֿון ניו־יאָרק באַשטאַנען פֿון אַרום דרײַ און צוואַנציק טויזנט אײַנוואוינערס, צווישן זיי אַרום פֿיר הונדערט ייִדן.

די ייִדן פֿון ניו־יאָרק האָבן גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין דעם קאַמף קעגן ענגלאַנד פֿאַר באַפֿרײַאונג און זעלבשטענדיקייט.

# די ייִדן אין ניופּאָרט, ראָוד־אײַלאַנד

„איך וויל ניט פֿרײַהייט פֿאַר מיר אַליין, נאָר פֿאַר אַלע מענטשן אויף דער וועלט. איך האַלט, אַז עס איז די פֿליכט פֿון יעדער רע־גירונג צו פּראָקלאַמירן פֿולע פֿרײַהייט פֿון גלויבן און געוויסן פֿאַר אַלע מענטשן גלײַך".

אָט מיט די ווערטער האָט דער דרײַ און דרײַסיק־יאָריקער ראָדזשער וויליאַמס געגרינדעט אין יאָר 1636 די קאָלאָניע ראָוד־אײַלאַנד.

ראָוד־אײַלאַנד איז געווען די איינציקע פֿון אַלע קאָלאָניעס, וואו ייִדן האָבן באַלד בײַם אָנהייב געהאַט פֿולע פֿרײַהייט און רעכט, און זי איז געווען אַ קאָלאָניע, וואָס האָט זיך מיט דער הילף פֿון ייִדישן האַנדל און אַרבעט שטאַרק צעבליט.

דער ייִדישער ישובֿ אין ראָוד־אײַלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1658, 22 יאָר נאָך דעם ווי ראָדזשער וויליאַמס האָט געגרינ־דעט די קאָלאָניע. פֿופֿצן ייִדישע פֿאַמיליעס פֿון האָלאַנד האָבן זיך באַזעצט אין ניופּאָרט, און די צאָל איז גיך געוואַקסן מיט די אַנט־לאָפֿענע און געראַטעוועטע מאַראַנען פֿון פּאָרטוגאַל.

אין 18טן יאָרהונדערט, אַ דאַנק דער ייִדישער איניציאַטיוו, די האַנדלס־פֿעיִקייטן און פֿאַרבינדונגען מיט אַנדערע ייִדישע ישובֿים איבער דער גאָרער וועלט, איז ניופּאָרט געוואָרן דער גרעסטער האַנדלס־צענטער פֿון די קאָלאָניעס און דער גרעסטער ייִדישער ישובֿ אין דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע.

דער געוועזענער מאַראַן יעקבֿ ראָדריגעז ריוועראַ, וואָס איז געקומען קיין ניופּאָרט פֿון פּאָרטוגאַל אין יאָר 1745, איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אײַנגעפֿירט אין אַמעריקע וואַלפֿיש־אויל צו באַלײַכטן די הײַזער. ער האָט געגרינדעט אַ פֿאַבריק פֿון וואַלפֿיש־אויל, וואָס האָט צוגעשטעלט בעסערע און ביליקערע באַלײַכטונג אין אַלע קאָלאָניעס.

די ברידער לאָפּעז, די צוויי מאַראַנען כאַזעי און דואַרטע, זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון פּאָרטוגאַל מיט זייערע פֿאַמיליעס קיין ניופּאָרט און זיך אַ נאָמען געגעבן נאָך די באַפֿרײַערס פֿון די ייִדן פֿון מצרים — משה און אהרן.

זיי זײַנען געווען רײַך און אָנגעזען אין ליסאַבאָן, פּאָרטוגאַל; זיי האָבן געבראַכט אַ גרויסן טייל פֿון זייער פֿאַרמעגן מיט זיך קיין ניופּאָרט. זיי האָבן געהאַט האַנדלס-פֿאַרבינדונגען אין אַלע האַנדלס-צענטערן פֿון דער וועלט, און זייערע שיפֿן פֿון ניופּאָרטער האַפֿן זײַנען געשוואומען איבער אַלע ימען. דרײַסיק האַנדלס-שיפֿן האָט אַהרן לאָפּעז פֿאַרמאָגט ערבֿ דער רעוואָלוציע קעגן ענגלאַנד, און ער איז געווען דער רײַכסטער סוחר און אָנגעזעענסטער אײַנוואוינער פֿון דער קאָלאָניע.

ייִדישע שיפֿן פֿון ניופּאָרטער האַפֿן האָבן געפֿירט פּראָדוקטן פֿון נײַ-ענגלאַנד צו די האַפֿנס פֿון וועסט-אינדיעס, אייראָפּע און צפֿון-אַפֿריקע. פֿון דאָרטן האָבן זיי צוריקגעבראַכט זאַלץ, צוקער,



דער אינעווייניקסטער אויסזען פֿון דער טוראָ־שול אין ניופּאָרט.

געוואַנט, צירונג, בוי־מאַטעריאַל, קליידער־שטאָף און אַנדערע פּראָ־
דוקטן אין וועלכע די קאָלאָניסטן האָבן זיך גענייטיקט.
אין יאָר 1758 איז קיין ניופּאָרט געקומען פֿון דזשאַמייקע דער
רבֿ יצחק טוראָ, וואָס האָט געשטאַמט פֿון פּאָרטוגעזישע מאַראַנען.
דעמאָלט האָבן די ייִדן אויסגעבויט אַ סינאַגאָגע.
די סינאַגאָגע טראָגט טאַקע דעם נאָמען פֿון דעם רבֿ און הייסט
די טוראָ־שול. זי ווערט ביז היינט פֿאַררעכנט ווי איינע פֿון די
שענסטע געביידעס פֿון דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע.
די טוראָ־סינאַגאָגע איז געבויט אויפֿן סטיל פֿון בית־המקדש
מיט צוועלף זיילן, געמאַכט פֿון צוועלף שטאַמען פֿון ביימער. יעדער
שטאַם דאַרף מיט זיך פֿאָרשטעלן אַ שבֿט. צוועלף שבֿטים —
צוועלף שטאַמען.
די גאַנצע געביידע איז געמאַכט בלויז פֿון האָלץ. קיין איין
ברעקל מעטאַל האָט מען ניט גענוצט ביים בויען די סינאַגאָגע.
אינעווייניק האָט מען געמאַכט פּראַכטפֿולע קינסטלערישע האָלצ־
שניצן. אין מיטן דער שול איז נאָך היינט דאָ די גרויסע זילבערנע
מנורה, וואָס מען האָט ספּעציעל געגאָסן פֿאַר דער ניופּאָרטער
סינאַגאָגע.
אָבער דאָס מערקווערדיקסטע, וואָס דאָרט געפֿינט זיך, איז עפּעס,
וואָס מען קען ניט זען. דאָס זיינען געהיימע טרעפּ, וואָס געפֿינען
זיך אונטער דער בימה און פֿירן אין אַ טונעל אַריין.
דעם טונעל האָבן די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע ייִדן אויפֿגעבויט
אין אָנדענק פֿון יענער צייט, ווען זיי האָבן געמוזט אָפּהיטן ייִדישקייט
אין אַזעלכע געהיימע טונעלן. זאָלן זייערע קינדער זען, ווי אַזוי
זיי האָבן זייערע לעבנס איינגעשטעלט צו פֿאַרבלייבן ייִדן.
חנוכּה, דעם 2טן דעצעמבער, 1763, האָבן די ייִדן פֿון ניופּאָרט
דורכגעפֿירט אַ גרויסן פּאַראַד איבער די גאַסן פֿון שטאָט. ייִדן האָבן
געטראָגן אַ ספֿר־תּורה אונטער אַ חופּה, און מיט געזאַנג און מוזיק
האָבן זיי די ספֿר־תּורה אַריינגעטראָגן אין שול און אַזוי געעפֿנט
זייער סינאַגאָגע.
אין יענער צייט זיינען קיין ניופּאָרט געקומען רבנים פֿון פֿאַר־
שיידענע לענדער צו זאַמלען געלט פֿאַר ישיבֿות און אַנדערע ייִדישע
אינסטיטוציעס.
איינער פֿון זיי איז געווען אַ רבֿ פֿון ארץ־ישׂראל מיטן נאָמען

רפאל חיים קארעגאל, וואס איז געקומען קיין ניופארט און זיך דארטן אויפגעהאלטן א לענגערע צייט. ער פלעגט האלטן דרשות אין דער טורא־סינאגאגע. ער איז אויך געווען זייער באפריינדט מיטן גלח עזרא סטיילס, וואס איז שפעטער געווארן דער פרעזידענט פון יעיל־קאלעדזש. ער האט אפילו איינגעלאדן דעם רב צו באזוכן זיין קירך.

עזרא סטיילס האט געקענט העברעיש און ער פלעגט זייער אפט באזוכן די סינאגאגע. ער האט זיך אויך באטייליקט אין דער צערעמאניע ווען מען האט געעפנט די סינאגאגע אין ניופארט. ער האט זיך אינטערעסירט מיטן יידישן לעבן פון ניופארט און פאר־שריבן אלע וויכטיקע יידישע פאסירונגען אין זיין טאג־בוך.

אין דער צייט פון דער רעוואלוציע קעגן ענגלאנד האבן די יידן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די רעוואלוציאנערן, און ניו־פארט איז געווען פון די שטארקסטע פונקטן אין קאמף פאר דער באפרייאונג פון די קאלאניעס.

ווען די ענגלענדער האבן פארנומען די שטאט, זיינען די יידן אנטלאפן און די שול איז געווען פארמאכט. די ענגלענדער אין זייער כעס קעגן די רעוואלוציאנערן האבן כמעט חרוב געמאכט ניופארט.

די שול איז געווען די איינציקע גרויסע געביידע וואס איז פאר־בליבן. ווען די קאלאניעס זיינען געווארן פריי, האט די לעגיס־לאטור פון ראוד־איילאנד אפגעהאלטן אירע ערשטע זיצונגען אין דער טורא־שול, ביז וואנען זיי האבן אויפגעבויט אן אייגענע געביידע.

אין יאר 1790 איז קיין ניופארט געקומען דזשארדזש וואשינג־טאן און ער האט אויך באזוכט די סינאגאגע, וואו ער איז אויפגענומען געווארן מיט גרויס פאראד.

דער באוואוסטער אמעריקאנער פאעט לאנגפעלאו האט אנגע־שריבן א זייער שיינע פאעמע וועגן דעם ניופארטער יידישן בית־עולם וואס די יידן האבן געעפנט אין יאר 1773. דא איז איין פערז פון יענער בארימטער פאעמע:

Pride and humiliation hand in hand
Walked with them through the World
Where'er they went
Trampled and beaten were they as the sand
And yet unshaken as the Continent.

## אין טשאַרלסטאָן, סאַוט־קאַראָליַינאַ, איז געגרינדעט געװאָרן דער דריטער יִדישער ישוּב אין דער צײַט פֿון די קאָלאָניעס

די קאָלאָניע סאַוט־קאַראָליַינאַ איז געװען געגרינדעט אויפֿן פּרינציפּ פֿון טאָלעראַנץ און פֿרײַהייט פֿאַר אַלע גלויבנס.

גאָווערנאָר דזשאָן גלענדייל האָט נאָך אין 1695 געשריבן, אַז ער האָט אַ יִדן אַן איבערזעצער פֿון שפּאַניש אויף ענגליש.

יִדן זײַנען אָבער געװען אין סאַוט־קאַראָליַינאַ אין קליינע צאָלן. ערשט אין יאָר 1750 האָבן זיי שוין געקאָנט אויפֿבויען אַן אייגענע גרויסע סינאַגאָגע אויפֿן נאָמען פֿון „בית־אלהים" (גאָטס הויז) װאָס עקסיסטירט נאָך ביז איצט.

צווישן די אָנגעזעענע יִדן פֿון סאַוט־קאַראָליַינאַ איז געװען פֿרענצים ישורון־סאַלוואַדאָר, װאָס איז געװען צווישן די ערשטע צו פֿאַלן אין שלאַכט פֿאַר דער באַפֿרײַאונג פֿון דער קאָלאָניע.

אין דער צײַט פֿון קאַמף קעגן ענגלאַנד איז אין סאַוט־קאַראָליַינאַ געװען אַ יִדישע בריגאַדע אָנגעפֿירט פֿון יעקבֿ כּהן, װאָס האָט אין יענע צײַטן אַרויסגעוויזן אַ סך העלדישקייט.

## דזשאָרדזשיאַ

דער פֿערטער יִדישער ישובֿ איז געגרינדעט געװאָרן אין סאַװאַנאַ, דזשאָרדזשיאַ, װען דעם 11טן יולי, 1733, זײַנען דאָרט אָנגעקומען פֿערציק יִדן פֿון ענגלאַנד. אין יענעם טאָג איז פֿאָרגעקומען אין דער קאָלאָניע אַ גרויסע פֿײַערונג, װען גאָווערנאָר אָגלטאָרפּ האָט צונויפֿגערופֿן די 115 קאָלאָניסטן אויסצוטיילן זיי פֿרײַע לאַנד. ניט געקוקט אויף דעם װאָס די דירעקטאָרן פֿון דער קאָלאָניע אין ענגלאַנד און אויך אייניקע קאָלאָניסטן זײַנען ניט געװען צופֿרידן מיט דעם אָנקומען פֿון די יִדן, האָט דער גאָווערנאָר, װאָס איז געװען אַ ליבעראַלער מענטש, זיי אויפֿגענומען זייער פֿרײַנדלעך.

צווישן די געקומענע יִדן זײַנען געװען די שעפּטאַל־פֿאַמיליע, די נחם און ד"ר נונעז מיט זײַן משפּחה, װאָס האָט שפּעטער אַ סך גוטס אויפֿגעטאָן אין דער קאָלאָניע. דאָס זײַנען געװען געװעזענע מאַראַנען. ד"ר נונעז איז געװען דער פּערזענלעכער דאָקטער פֿון דעם

פּאָרטוגעזישן קיניג, אָבער אין געהיים איז ער געווען אַ געטרייַער ייִד און האָט אָפּגעהיט ייִדישקייט.

אַגענטן פון דער אינקוויזיציע אין ליסאַבאָן זייַנען איין מאָל, פרייַטיק צו נאַכטס, פּלוצעם באַפאַלן ד"ר נונעז און זייַן משפּחה און זיי געכאַפּט בייַם אָנצינדן די שבת-ליכט און דאַווענען פון סידורים. מען האָט זיי אַלעמען אַרעסטירט און פאַרשפּאַרט אין די קעלערן פון דער אינקוויזיציע. אויפן פאַרלאַנג פון דעם קיניג האָט די אינקוויזיציע געמוזט באַפרייַען זייַן פּערזענלעכן דאָקטער, אָבער מיטן באַדינג, אַז צוויי אַגענטן פון דער אינקוויזיציע זאָלן שטענדיק זייַן מיט דער נונעז-פאַמיליע און אַכטונג געבן, אַז זיי זאָלן אָפּהיטן דעם קאַטוילישן גלויבן.

ד"ר נונעז האָט געהאַט אַ פרייַנד, אַן ענגלישן שיף-קאַפּיטאַן, וואָס פלעגט גאַנץ אָפט קומען מיט זייַן שיף קיין ליסאַבאָן. אין געהיים האָט די נונעז-פאַמיליע אויספאַרקויפט אַ סך פון זייערע זאַכן, און לויט ווי עס איז געווען אָפּגערעדט פריִער מיטן שיף-קאַפּיטאַן, האָט ער איין מאָל אייַנגעלאַדן די גאַנצע נונעז-פאַמיליע צו פאַרווייַלן זיך אַ ביסל אויפן שיף. צוזאַמען מיט דער נונעז-משפּחה זייַנען אויך מיטגעגאַנגען די צוויי אַגענטן פון דער אינקוויזיציע, וואָס האָבן זיי אָפּגעהיט אויף טריט און שריט. דער קאַפּיטאַן האָט סערווירט פאַר זיי אַ מאָלצייַט און געזען, אַז די צוויי אַגענטן פון דער אינקוויזיציע זאָלן טרינקען וואָס מער. ווען די צוויי אינקוויזיציע-אַגענטן האָבן זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין די שיף געווען אין מיטן ים.

פון ענגלאַנד איז די נונעז-משפּחה, מיט אַ גרופּע אַנדערע ייִדן, געקומען קיין סאַוואַנאַ, דזשאָרדזשיאַ, און געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דעם דאָרטיקן ייִדישן ישוב.

מיט אַ קורצער צייַט שפּעטער איז אויך אָנגעקומען אַ גרופּע ייִדן פון דייַטשלאַנד קיין סאַוואַנאַ, דזשאָרדזשיאַ. אין יאָר 1734 איז קיין סאַוואַנאַ, דזשאָרדזשיאַ, געקומען אַ גרופּע זאַלצבורגער דייַטשן, האָבן זיי געקראָגן אַ וואַרעמען קבלת-פּנים פון די דייַטשישע ייִדן, וואָס האָבן זיי געהאָלפן זיך אייַנאָרדענען. אין יענער צייַט זייַנען אַ דריטל פון די אייַנוואוינערס פון דזשאָרדזשיאַ געווען ייִדן. ייִדן האָבן געהאָלפן אַנטוויקלען אין דער קאָלאָניע די זייַד- און ווייַן-אינדוסטריעס.

אין די יאָרן 1761—1765, איז אַ ייִד, יוסף אַטאַלענגו, געווען אַ מיטגליד פֿון דער לעגיסלאַטור פֿון דער דזשאָרדזשיאַ-קאָלאָניע.

דאָס ערשטע ווײַסע קינד, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין דזשאָרדזשיאַ, איז געווען אַ ייִדיש ייִנגל מיטן נאָמען פֿיליפּ מינס. אין צײַט פֿון דער רעוואָלוציע האָט דער זעלביקער פֿיליפּ מינים בײַגעשטײַערט פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי 7,000 דאָלאַר.

מרדכי שעפֿטאַל, דער זון פֿון בנימין שעפֿטאַל, וואָס איז געווען פֿון די ערשטע אַריבערגעקומענע ייִדן אין סאַוואַנאַ, האָט אין צײַט פֿון דער רעוואָלוציע צוגעשטעלט פּראָוויאַנט צו דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי פֿון די דרום-קאָלאָניעס.

## ייִדישע ישובֿים אין פּענסילווייניע

ייִדישע ישובֿים זײַנען אויפֿגעקומען אין לאַנקאַסטער, איסטאָן און אין פֿילאַדעלפֿיע.

דער ערשטער דאָקטער אין פּענסילווייניע איז געווען דער ייִד יצחק קאָהען, וואָס האָט געוואוינט אין לאַנקאַסטער.

קיין פּענסילווייניע זײַנען געקומען ייִדן פֿון ענגלאַנד און דײַטשלאַנד. פֿון ענגלאַנד זײַנען געקומען אַזעלכע אָנגעזעענע משפּחות ווי די פֿראַנקס. מיטגלידער פֿון דער פֿראַנק-משפּחה האָבן פֿאַרנומען הויכע אַמטן אין דער אַרמיי אין דעם קאַמף קעגן ענגלאַנד. צווישן די אָנגעזעענע סוחרים פֿון שטאָט זײַנען געווען די ברידער בערנאַרד און מיכאל גראַטץ, דײַטשישע ייִדן, וואָס האָבן צווישן זיך גערעדט און געשריבן אין ייִדיש. ייִדישע סוחרים זײַנען דאָ אויך צווישן די אונטערגעשריבענע אין דער רעזאָלוציע ניט צו האַנדלען מיט ענגלאַנד.

אין דער צײַט ווען מען האָט געבויט די ערשטע סינאַגאָגע אין פֿילאַדעלפֿיע האָט בענדזשאַמין פֿרענקלין בײַגעשטײַערט פֿינף פֿונט פֿאַר דער סינאַגאָגע, וואָס איז געווען אַ גרויסע סומע אין יענער צײַט.

דער ייִדישער ישובֿ אין פֿילאַדעלפֿיע האָט זייער אַ סך בײַגעטראָגן אין דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף צו באַפֿרײַען די קאָלאָניעס, סײַ פֿינאַנציעל, סײַ מיליטעריש.

דער ייִד אַהרן לעווי האָט צוגעשטעלט שפּײַז פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי.

די שטאָט אַראָנסבורג, פּענסילווייניע, געגרינדעט אין יאָר

1786, טראָגט דעם נאָמען נאָך אים פֿאַר זײַן גרױסן בײַטראָג צו דער קאָלאָניע אין איר קאַמף פֿאַר באַפֿרײַאונג.

אין דער געגנט פֿון לאַנקאַסטער, פּענסילװײניע, זײַנען אין יענער צײַט געגרינדעט געװאָרן אַ רײ קאָלאָניעס פֿון אימיגראַנטן, װאָס זײַנען באַקאַנט אונטערן נאָמען „פּענסילװײניאַ דאַטש“. זײ האָבן צװישן זיך גערעדט אַ דײַטשישן דיאַלעקט. אין יענער געגנט האָבן זיך באַזעצט ייִדן, װאָס האָבן גערעדט ייִדיש און געהאַט אַ שפּראַכלעכע פֿאַרבינדונג מיט די קאָלאָניסטן.

אָט איז אַ קאָפּיע פֿון אַ בריװ, געשריבן אין אַלט-ייִדיש, װאָס אַ ייִדישער פּעדלער האָט געשיקט אין יאָר 1763 צו מיכאל גראַץ, אײי-נער פֿון די ייִדישע סוחרים, װאָס האָט אונטערגעשריבן די באַרימטע רעזאָלוציע ניט צו אימפּאָרטירן קײן סחורות פֿון ענגלאַנד, און אײנער פֿון די בױערס און פֿירערס פֿון דער ייִדישער געמײנדע אין פֿי-לאַדעלפֿיע.

## בריװ אין ייִדיש אין דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע

עס זײַנען דאָ בריװ פֿון דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע געשריבן אין ייִדיש. אַ צאָל ייִדן אין אַמעריקע האָבן אין יענער צײַט גערעדט און זיך צונױפֿגעשריבן אין דער ייִדישער שפּראַך.

ב״ה מוצאי שבת קודש תרומה ת׳ ק׳ כ׳ פ׳ לפ״ק
שלום לאה׳ ארוני חביבי הבח׳ ר׳ יחיאל יצ״ו וכאל״ש

קודם כל דבר בדנקה איך פֿר זיינה גוטה קופּאניע אויף פּורים וויא גמעלדט האָט אלש דענקט בכאן צוא זיין. יעדאך בן אים דן לכף זכות. אונט וועז אויף פּסח לטובה בכאן קומן וואָלטה ניחה לי מאוד, דען איך בין אבלאשירט גלייך נאָך פּסח צו קומען אום מיך נעטורעליצירן צו לאָזן אונט דיר איזט י״ד אַפּריל אַלזאָ וועז קומען וויל קאָן אים קאָמפּאַניע געבן לאחורי אי״ה נאָך פֿילאַדעלפֿי׳ וגם ווערט מיר מודיע זיין ד׳אש חדושים זיין לע״ע אין עולם האָב לנג ניקש פֿרנומען מן אדוני האָב אים חושד גיוועזין אַלם לע״ע ניט מיט איין קונטרע שאַרף קיפֿער קרש פֿאַנדירן וויל ווילען לע״ע בדיעה האָט אין לונדישער סוחר צו ווערן יעדאָך ווינשה אים מזל וברכה בכל אשר יפנה יצליח. אונט איין שיין מעטכה מיט ברענגען איזט אויך גוט ווערט אחו ר׳ בער זאָגן דיר בדיעה האָב נאָך י״ט אי״ה נאָך מקום צו קומען דען ווער זעלבר זעהן אויב וואש ערות

אימפּלאגירין קאָן, אָבר ווען אונטער דיזה צייט פּרקויפֿן קאָן פּר מיר קיינה צו בהאַלטן דען די גערבירז אין מדינה האָבן קיין מעות בכאן אונט צו בורגן איזט קיין מו"מ זונשטן קענטה געניגן פּר אים פּר קויפֿן חדושים מעוטים.

ממני חביבו הק' מאיר בן כהר"ר יוסף ז"ל מיעוור

אשתי ת"י ובני יוסף לעב לאָזן אייך ביחד גריסן.

איך פּר וואַרטה ר' בער שבועה זו בכאן אום די חשבון עם העדעלבורג: ודו"ל:

בקשתי מיך דיא כבוד צו ערווייזן אים תשובה צו מעלדן שבועה זו.

ווערט מוחל זיין פּבר ערשטה גל (ג) נ (חייט) דיזיש כתב לכה'הר משה קלעווא צו שיקן.

## דער בריוו אין אַ מאָדערנעם יידיש

צום ערשטנס דערלויבט מיר אייך דאַנקען פֿאַרן ווען מיך באַזוכן פּורים, לויט ווי איר האָט מיר געלאָזן וויסן.

איך וואָלט געווען זייער צופֿרידן אויב איר קענט קומען אויף פּסח, ווײַל איך מוז פֿאָרן קיין פֿילאַדעלפֿיע זיך צו נאַטוראַליזירן. דאָס וועט זײַן דעם 10טן אַפּריל. דעריבער אויב איר ווילט קומען, וועל איך זײַן זייער צופֿרידן אײַך אויפֿנעמען און אײַך פֿאַרווײַלן ווען איך וועל מיט גאָטס הילף צוריקקומען פֿון פֿילאַדעלפֿיע.

איר וועט אַזוי גוט זײַן מיר לאָזן וויסן וועלכע עס איז נײַס בײַ אײַך. איך האָב שוין אַ לענגערע צײַט ניט געהערט פֿון אײַך. איך האָב שוין געמיינט, אַז איר ווילט זיך מער ניט צונויפֿשרײַבן מיט אַ קליין-שטעטלדיקן קרעמער, ווײַל איר זײַט געוואָרן אַ גרויסער סוחר. איך ווינטש אײַך אַ סך גליק. איר זאָלט זײַן דערפֿאָלגרײַך וואו איר וועט זיך קערן. אויב איר וועט מיטברענגען אַ שיין מיידל, דאָס וועט אויך זײַן גוט.

זײַט אַזוי גוט און לאָזט וויסן אײַער ברודער בער, אַז איך דער-וואַרט צו זײַן מיט גאָטס הילף אין שטאָט נאָך יום-טוב. דעמאָלט וועל איך אַליין זען צי איך קאָן פֿאַרקויפֿן די פֿעל. אויב ער קאָן גאַרבערס, קאָן ער דערווײַל אַ ביסל פֿאַרקויפֿן פֿאַר מיר, זאָל ער

זיי ניט האַלטן, ווײַל די פֿאַנגערס דאָ האָבן ניט קיין געלט — און עס וואָלט זיך געלוינט בעסער צו פֿאַרקויפֿן. אַזוי איז ניטאָ קיין נײַס.

אײַער פֿרײַנד

מאיר, דער זון פֿון יוסף.

מײַן ווײַב און מײַן זון יוסף לייב שיקן זייערע גרוסן צו אײַך ביידע.

איך דערוואַרט אײַער ברודער בער הײַנטיקע וואָך צו דערליי־דיקן דעם ענין היידעלבערג.

אַ וואָרט צו די קלוגע:

איך בעט אײַך טוט מיר דעם כּבֿוד און ענטפֿערט הײַנטיקע וואָך.

איך וועל זייער אײַך דאַנקען אויב איר וועט איבערשיקן דעם בײַגעלייגטן בריוו בײַ דער ערשטער געלעגנהייט צו משה קלעוואַ.

# אַהרן לאַפּעז

דאָס איז געווען אין דער פּסח־נאַכט פֿון יאָר 1750 אין דער שטאָט ליסאַבאָן, פּאָרטוגאַל.

הינטער די קעלער־טרעפּ אין דער הויז בײַ דעם רײַכן און אָנ־געזעענעם סוחר דאָן דיעגראָ, איז געווען אַ געהיימע טיר. די טיר האָט דורך אַ געשלענגלטן טונעל געפֿירט צו אַ צימער. דער צימער איז געווען שיין אויפֿגעראַמט, אַ גרויסער אויל־לאָמפּ האָט געברענט און געוואָרפֿן ליכט און וואַרעמקייט אין אַלע ווינקעלעך. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ טיש באַדעקט מיט אַ קלאָר ווײַסן טישטעך. אויפֿן טישטעך זײַנען געלעגן דרײַ מצות אײַנגעוויקלט אין אַ סער־וועטקע. אין כּוסות האָט געפֿינקלט ווײַן. אַרום דעם טיש איז געזעסן דער מאַראַן דיעגראָ מיט זײַן פֿאַמיליע און געפּראַוועט דעם סדר.

דאָן דיעגראָ האָט געהאַלטן אַ הגדה. מער ווי צוויי הונדערט מיט פֿופֿציק יאָר איז די הגדה אַלט געווען און די אַלטקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער געלקייט פֿון די בלעטער.

אַ גאַנץ יאָר איז די הגדה געלעגן באַהאַלטן אין אַ גרויסן ליימע־נעם טאָפּ, באַגראָבן אין דער טיפֿעניש פֿון דער ערד. בלויז איין מאָל אין יאָר, צום סדר, האָט מען מיט דער גרעסטער פֿאָרזיכטיקייט, אַז קיין אויג זאָל ניט באַמערקן, אויסגעגראָבן די הגדה. גלײַך נאָכן סדר פֿלעגט מען זי צוריק באַגראָבן מיט דער האָפֿענונג, אַז מ׳זאָל זי ווידער אויסגראָבן איבער־אַ־יאָר צום סדר.



אַהרן לאָפּעז

בײַ דעם מאָלצײַט פֿון געבראָטענע פֿלייש, וואָס די מאַראַנען פֿלעגן עסן בײַם סדר, בײַ דרײַ מצות, וואָס פֿרוי דיִעגראָ האָט מיט שרעק געבאַקן, האָט דער מאַראַן דיִעגראָ אין אַ געהיימען קעלער־שטוב דערציילט זײַנע קינדער ווי אַזוי די ייִדן זײַנען באַפֿרײַט געוואָרן פֿון קנעכטשאַפֿט פֿון מצרים. ער האָט פֿאַרענדיקט מיט די ווערטער: — „אַזוי ווי דער גאָט פֿון אונדזערע עלטערן האָט אויסגעלייזט דאָס פֿאָלק ישׂראל פֿון פּרעהס הענט, אַזוי וועט ער אונדז אויסלייזן פֿון אונדזערע שׂונאים און אונדז באַפֿרײַען פֿון אונדזער ביטערן יאָך״.

נאָכן סדר איז יעדער איינער געבליבן אויף זײַן אָרט, כאָטש די געפֿאַר איז געווען גרויס. מען האָט געוואָרט, אַז דער פֿאָטער זאָל אין דער פּסח־נאַכט דערציילן ניט בלויז דעם נס פֿון מצרים, נאָר אויך ווי אַזוי די מאַראַנען לעבן ווי ייִדן, אין דער צײַט ווען דער שׂונא לויערט אויף יעדן טראָט.

## דאָס מאַראַנען־מיידל מרים און די ענגלישע קיניגין עליזאַבעט

— „די מעשׂה האָב איך אַליין געהערט פֿון מײַן זיידן״ — האָט דיִעגראָ אָנגעהויבן צו דערציילן — „דאָן מיגועל לאָפּעז איז געווען

אַן אַנגעזעענער מענטש אין פּאָרטוגאַל, געווען אַן אָרײַנגייער אין קיניגלעכן הויף, ביז שפּיאָנען פֿון דער אינקוויזיציע האָבן זיך דער־וואוסט, אַז ער איז אַ געהיימער ייִד, און היט אָפּ ייִדישקייט. זיי האָבן אים אַרעסטירט און פֿאַרברענט אויפֿן שײַטער־הויפֿן.

„ער האָט געהאַט אַ טאָכטער מרים, אויף וועמען מען האָט גע־זאָגט, אַז זי איז די שענסטע מיידל אין גאַנץ פּאָרטוגאַל. ווען מען האָט אַרעסטירט איר טאַטן, איז זי גראָד געווען צו גאַסט בײַ איר פֿעטער, דעם טאַטנס ברודער, וואָס איז אין דער שטיל אויך געווען אַ ייִד.

„ווען דער פֿעטער האָט זיך דערוואוסט, וואָס עס האָט געטראָפֿן מיט זײַן ברודער, האָט ער גענומען דעם ברודערס טאָכטער מרים מיט נאָך פֿערציק מאַראַנען, זיי אַלעמען אַרויפֿגעפֿירט אויף זײַן שיף, און מיט זיי צוזאַמען אין דער שטיל אַנטלאָפֿן פֿון פּאָרטוגאַל.

„אין יענער צײַט האָבן פּאָרטוגאַל און שפּאַניע געפֿירט מלחמה מיט ענגלאַנד. אַן ענגלישע קריגשיף האָט פֿאַרכאַפּט די שיף מיט די מאַראַנען און זיי אָפּגעפֿירט קיין ענגלאַנד ווי מלחמה־געפֿאַנגענע.

„ווען דער קאַפּיטאַן האָט דערזען די מיידל מרים, איז זי אים זייער געפֿעלן געוואָרן, ווײַל ניט נאָר איז זי געווען אַ שיינע, נאָר אויך אַ וואוילגעלערנטע און גוט דערצויגענע.

„דער קאַפּיטאַן האָט צו איר געזאָגט, אַז זי געפֿעלט אים און ער וויל מיט איר חתונה האָבן. האָט די מיידל אים געענטפֿערט: — 'ווי קען איך מיט דיר חתונה האָבן, אַז איך בין אַ ייִדישע און דו ביסט אַ קריסט'. 'טאָ ווער אויך אַ קריסטין' — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט צו איר, — 'דו וועסט לעבן בײַ מיר ווי אַ פּרינ־צעסין'.

— „'ווי אַזוי פֿאַרלאַנגסטו פֿון מיר צו ווערן אַ קריסטין' — האָט די מיידל געענטפֿערט — 'אַז מײַן טאַטן האָבן די קריסטן פֿאַרברענט דערפֿאַר ווײַל ער האָט געוואָלט זײַן אַ ייִד. מיר זײַנען אַלע אַנט־לאָפֿן פֿון פּאָרטוגאַל, ווײַל מיר ווילן זײַן ייִדן. זאָל איך אויפֿגעבן מײַן ייִדישקייט דערפֿאַר ווײַל איך וועל לעבן ווי אַ פּרינצעסין? ניין, מײַן פֿרײַנד, ווי פּרינצן און פּרינצעסינס האָבן מיר געקענט לעבן אין פּאָרטוגאַל, אָבער ווי ייִדן האָבן מיר דאָרטן ניט געקענט לעבן. דערפֿאַר זײַנען מיר אַנטלאָפֿן פֿון דאָרטן'.

„ווען די שיף האָט געאַנקערט אין לאָנדאָן און די מעשה וועגן דער יידישער מיידל האָט דערגרייכט צו דער קיניגין עליזאַבעט, האָט זי באַפוילן, אַז מ׳זאָל די מיידל ברענגען צו איר. ווען די קיניגין האָט אויסגעהערט מרימס געשיכטע און פאַר וואָס זי וויל ניט חתונה האָבן מיטן קאַפּיטאַן פון דער שיף, האָט זי געזאָגט: —׳גוט האָסטו געטאָן, טאָכטער, מיר געפעלט עס׳. די קיניגין האָט איר געגעבן אַ מתנה אַ גאָלדענע קייט און האָט באַפוילן צו באַפרייען די שיף מיט די געפאַנגענע מאַראַנען.

„די שיף מיט די מאַראַנען איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמסטערדאַם, האָלאַנד. דאָרטן האָט מרים חתונה געהאַט מיט אַ געוועזענעם מאַ־ראַן, וואָס איז נאָך דעם געוואָרן איינער פון די יידישע פירערס אין האָלאַנד.

„איר זעט, קינדער" — האָט דאָן דיעגראַ גערעדט צו זיין משפחה — „אָט אַזוי היטן מיר אָפּ יידישקייט און אַזוי וועלן מיר בלייבן יידן".

„איר ווייסט, קינדער" — האָט דאָן דיעגראַ גערעדט — „שוין צייט צו טראַכטן וועגן אַן אַנדער לאַנד, וואו מיר וועלן קענען לעבן פריי ווי יידן און ניט דאַרפן מורא האָבן פאַר דער אינקוויזיציע".

## דער מאַראַן און דער גלח

ס׳איז שוין געווען צייט אַרויסצוגיין פון דעם געהיימען טונעל־צימער. דער ערשטער איז אַרויס דער ניינצן־יאָריקער דואַרטע. שטיל האָט ער זיך אַרויסגעשאַרט פון טונעל, אַרויס אין גאַס זען צי אַגענטן פון דער אינקוויזיציע לויערן ניט אַרום זייער הויז אין דער פסח־נאַכט.

אַ קיל ווינטל האָט געבלאָזן פון ים און געקילט די לופט. דער יונגער דואַרטע האָט אָנגעהויבן אַריינצוציען אין זיך די פרישע לופט. מיט אַ מאָל האָט ער אַ ציטער געטאָן. עס האָט זיך אים אויסגע־וויזן, אַז די לופט איז פול מיט אַש פון די קערפּערס פון יידן, וועמען די אינקוויזיציע האָט היינט פאַרברענט אויף דעם שייטער־הויפן אין ליסאַבאָן.

„אַ מאָדנער כּוח ליגט אין אונדז" — האָט דואַרטע געטראַכט. — „עס איז שוין מער ווי צוויי הונדערט מיט פופציק יאָר אַוועק זינט די

אינקוויזיציע האָט פאַרברענט אונדזער עלטער-עלטער-זיידן און די איבעריקע פון דער פאַמיליע געצוואונגען צו ווערן קריסטן. מער ווי צוויי הונדערט מיט פופציק יאָר ווי מיר זיינען פאַר דער וועלט קריסטן, און דאָך זיינען מיר פאַרבליבן ייִדן, כאָטש מיר שטעלן איין אונדזער לעבן".

פּלוצעם האָט ער דערהערט עמעצער רופט צו אים: — „אַ גוטן אָוונט דיר, מיין זון". דוואַרטע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. ער האָט דערזען פאַר זיך דאָן פּעדראָ, דעם גלח פון דער שכנישער קירך.

— „אַ גוטן אָוונט, פאָטער" — האָט דוואַרטע געענטפערט און דערביי געטראַכט, ווער ווייסט, אפשר איז דער גלח אַ געהיימער אַגענט פון דער אינקוויזיציע און אפשר האָט ער שוין עפעס באַ-מערקט?

— „קום מיט מיר אין קירך און מיר וועלן צוזאַמען אָפּריכטן אַן אָוונט-תּפילה" — האָט דער גלח געזאָגט צו אים.

דוואַרטע איז שווייגנדיק און מיט שרעק אין האַרצן נאָכגעגאַנגען דעם גלח.

אין קירך איז קיינער ניט געווען. ליכט האָבן געצאַנקט און געוואָרפן מוראדיקע שאָטנס אויף די פיגורן וואָס אויף די ווענט.

אַן אומעט און שרעק האָט אַרומגענומען דעם יונגן בחור. ער האָט זיך נאָך קיין מאָל ניט געפילט אַזוי אומהיימלעך און פאַרלאָרן אין דער קירך.

דוואַרטע איז געווען איבערראשט, ווען דער גלח האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט, און אָנשטאָט אים צו פירן צום אַלטאַר צו קניִען און געבעט, האָט ער אים אַריינגעפירט אין אַ זייטיקן קעמערל און פאַרמאַכט די טיר.

דער גלח האָט אויפגעהויבן זיינע הענט, זיי אַרויפגעלייגט אויפן קאָפּ פון דעם בחור און האָט געזאָגט: — „זאָל דער גאָט פון אונ-דזערע עלטערן דיך און דיין פאַמיליע בענטשן אויף אייער ווייטער רייזע און אין דעם נייעם לאַנד".

דוואַרטע האָט זיך דערשראָקן. פון וואַנען ווייסט דער גלח וואָס דער טאַטע האָט געזאָגט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן. מיט אַ גע-מאַכטער רואיקייט און פאַרוואונדערונג האָט ער זיך אָפּגערופן:
— „אָבער, פאָטער, מיר פאָרן דאָך אין ערגעץ ניט. מיר האָבן אפילו

קיין מאָל ניט געטראַכט צו פֿאַרלאָזן אונדזער ליבע געבורטשטאָט און אונדזער טייַער לאַנד".

— „מייַן זון" — האָט דער גלח וויַיטער גערעדט — „דער קלי־מאַט בייַ אונדז אין לאַנד איז געוואָרן זייער היים. אַ סך מענטשן זייַנען לעצטנס געשטאָרבן פֿון דער היץ. אייַער פֿאַמיליע איז זייער אַן איידעלע און זי וועט ניט קענען אַריבערטראָגן אַזאַ היץ. מ׳זאָגט, אַז אין דער וויַיטער, נייַער וועלט אַמעריקע איז דער קלימאַט זייער אַ גוטער..."

דער גלח האָט צוגעפֿירט דעם בחור צו דער טיר, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און פֿאַרשלאָסן די טיר הינטער זיך.

פֿאַר דוראַנטען איז איצט קלאָר געוואָרן, אַז דער גלח איז, פּונקט ווי ער, אַ מאַראַן, אַ געהיימער ייִד. געווים האָט דער גלח זיך דער־וואוסט, אַז די אינקוויזיציע לויערט שוין אויף זיי. מיט די פֿאַר־שטעלטע ווערטער האָט ער זיי געראָטן צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד.

אין דער שטיל האָט די פֿאַמיליע אויספֿאַרקויפֿט אַ טייל פֿון זייער פֿאַרמעגן. מיט אַ פּעקל ווערטפֿולע זאַכן אין די הענט, האָט זיך יעדער באַזונדער אַרויפֿגעגנבֿעט אויף דער גרויסער האַנדל־שיף „האָפֿענונג", וואָס האָט באַלאַנגט צו דער דיִעגראָ־פֿאַמיליע.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז די שיף אָנגעקומען צו די ברעגעס פֿון דער נייַער וועלט, צו דעם לאַנד פֿון זייער האָפֿענונג — אַמעריקע.

די פֿאַמיליע האָט זיך באַזעצט אין ניופּאָרט, ראָוד אייַלאַנד. פֿון דוראַנטען איז געוואָרן אַהרן לאָפּעז און פֿון דעם ברודער סאַנטשע איז געוואָרן משה לאָפּעז.

# ישורון־סאַלוואַדאָר

איינער פֿון די חשובֿע מענטשן אין דער קאָלאָניע סאַוט־קאַראָ־לייַנאַ בייַם אָנהייב רעוואָלוציע קעגן ענגלאַנד איז געווען דער ייִד סאַלוואַדאָר.

סאַלוואַדאָר האָט געשטאַמט פֿון אַ משפּחה מאַראַנען אין פּאָר־טוגאַל. דער אמתער נאָמען פֿון דער משפּחה סאַלוואַדאָר איז גאָר געווען ישורון, אָבער אין דער צייַט פֿון דער אינקוויזיציע זייַנען

זיי געוועז געצוואונגען צו בײַטן זייער העברעיִשן נאָמען ישורון אויפֿן פּאָרטוגעזישן נאָמען סאַלוואַדאָר. בײַ דעם נאָמען זײַנען זיי געבליבן, אַפֿילו ווען זיי זײַנען שוין געווען ווײַט פֿון דער אינקוויזיציע.

פֿון פּאָרטוגאַל איז די משפּחה אַנטלאָפֿן קיין האָלאַנד און פֿון האָלאַנד זײַנען זיי געקומען קיין לאָנדאָן, וואו זיי זײַנען געוואָרן זייער רײַך און אָנגעזען. יוסף ישורון-סאַלוואַדאָר איז דאָרטן געוואָרן דער פֿירער פֿון די פּאָרטוגעזישע יידן.

זײַן זון, אפֿרים ישורון, וואָס האָט געטראָגן דעם פּאָרטוגעזישן נאָמען פֿראַנסיס סאַלוואַדאָר, האָט אין יאָר 1773 פֿאַרלאָזן זײַן פֿאַמיליע און איז אין דעם זעלביקן יאָר געקומען קיין סאַוט-קאַראָלײַנאַ, וואו ער האָט געקויפֿט גרויסע שטיקער לאַנד און איז געוואָרן דאָרטן אַ גרויסער פּלאַנטאַטאָר.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז געווען רײַך און אָנגעזען, האָט ער זיך גלײַך געשטעלט אויף דער זײַט פֿון דער רעוואָלוציע, פֿאַר דער באַפֿרײַאונג פֿון די קאָלאָניעס.

אין יאָר 1775 איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אין דעם צײַטווײַליקן קאָנגרעס פֿון דער קאָלאָניע. אין קאָנגרעס איז ער געוואָרן אויסגעקליבן אין אַ קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפֿט דורכפֿירן אַלע באַשלוסן פֿון דעם קאָנגרעס. אין דער זעלביקער קאָמיסיע זײַנען אויך געווען אַזעלכע באַרימטע פּערזענלעכקייטן פֿון יענער צײַט ווי קאַלהון, מור, העמאָנד און קווירקלאַנד.

אינטערעסאַנט איז געווען די רעדע, וואָס סאַלוואַדאָר האָט געהאַלטן פֿאַר די קאָלאָניסטן פֿון זײַן געגנט. ער האָט זיי אַזוי געזאָגט:

— „מײַנע פֿרײַנד, אַמעריקאַנער! איך האָב פֿאַרבונדן מײַן גורל, מײַן לעבן און מײַן פֿאַרמעגן מיט דער רעוואָלוציע. אין דער אמתן, האָב איך גאָר אין זינען ניט געהאַט אָנצונעמען וועלכן עס איז אַמט. איך האָב געוואָלט אַוועקגעבן אַלץ — מײַנע כּוחות און פֿאַרמעגן צו העלפֿן דעם קאַמף פֿאַר פֿרײַהייט און זעלבשטענדיקייט פֿון די קאָלאָניעס אין דער שטיל, אָן וועלכן עס איז אַמט אָדער כּבֿוד פֿאַר מיר. אָבער מ'האָט מיר דערציילט, אַז עס געפֿינען זיך מענטשן בײַ אונדז אין דער קאָלאָניע, און אַפֿילו אין אונדזערע רייען, וואָס זײַנען אַרויס קעגן מיר בלויז דערפֿאַר, ווײַל איך בין אַ ייד. ערשט דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן צו ווערן אַ קאַנדידאַט

צום קאָנגרעס, ווײַל איך האַלט, אַז דאָ — אין דער נײַער וועלט — טאָר ניט זײַן קיין רעליגיעזער האַס. די אַמעריקאַנער ערד טאָר ניט וויסן פֿון דעם רעליגיעזן האַס מיט וועלכן עס זײַנען פֿאַרסמט געוואָרן לענדער אין אייראָפּע.

„מיר, ייִדן, זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון פּאָרטוגאַל, ווײַל די לופֿט דאָרטן איז פֿול מיט רעליגיעזן האַס. דאָ אין אַמעריקע טאָר אַזוינס קיין מאָל ניט פּאַסירן. אַמעריקע מוז ווערן דאָס לאַנד פֿון אַלע אונטער־דריקטע, פֿאַר אַלע מענטשן אָן אונטערשייד פֿון רעליגיע.

„האָט עמעצער עפּעס קעגן מיר ווי אַ מענטש? זאָל ער עס זאָגן! אָבער קיינער טאָר ניט אַרויסטרעטן קעגן מיר דערפֿאַר, ווײַל איך בין אַ ייִד. פֿאַרקערט, ווי אַ ייִד פֿיל איך אַז איך דאַרף און מוז נאָך מער העלפֿן דעם קאַמף פֿאַר פֿרײַהייט, דעם קאַמף פֿאַר דער זעלבשטענדיקייט פֿון די קאָלאָניעס".

ער איז אויסגעקליבן געוואָרן מיט גאָר אַ גרויסער מערהייט.

עס איז געווען סוף יוני 1776 ווען די אײַנוואוינערס פֿון טשאַרל־סטאָן האָבן מיט שרעק צוגעקוקט ווי בײַ די ברעגעס פֿון זייער שטאָט אַנקערן ענגלישע קריגשיפֿן. אָבער אומרואיק זײַנען געוואָרן די קאָלאָניסטן, ווען זיי האָבן געזען, אַז מיטן אַנקערן פֿון די ענגלישע שיפֿן האָבן זיך באַוויזן געווער בײַ די קריגערישע אינדיאַנער פֿון יענער געגנט, און אַז ענגלענדער לערנען די אינדיאַנער ווי צו באַ־נוצן זיך מיטן געווער.

אומזיסט האָט סאַלוואַדאָר, דער גוטער פֿרײַנד פֿון די אינדיאַנער, זיך געבעטן בײַם „טשיף", אַז ער זאָל ניט האַלטן מיט די ענגלענדער, נאָר, פֿאַרקערט, העלפֿן די קאָלאָניסטן.

— „זעסט" — האָט דער עלטסטער פֿון די אינדיאַנער געזאָגט — „די ענגלענדער האָבן אַלץ, די ענגלענדער זײַנען שטאַרק, זיי וועלן אונדז געבן אײַער לאַנד, אײַערע הײַזער, אַזוי האָט אונדז גע־זאָגט זייער 'טשיף' ".

עס איז געווען אין דער נאַכט פֿון דעם ערשטן יולי, 1776, ווען די אינדיאַנער, אָנגעפֿירט פֿון ענגלענדער, האָבן פּלוצעם אָנגעהויבן אַטאַקירן די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן געלעבט בײַם גרענעץ פֿון סאַוט־קאַראָלײַנאַ.

די נאַכט איז באַלויכטן געוואָרן פֿון די פֿײַערן פֿון די ברענענ־

דיקע הײַזער. אַ פּאַניק האָט אַרומגעכאַפּט די קאָלאָניסטן און ווער עס האָט נאָר געקענט איז אַנטלאָפֿן מיט זײַן פֿרוי און קינדער.

געלאָפֿן איז מען צום נאָענטסטן שטיינערנעם הויז פֿון סאַלוואַדאָר, זיך צו באַשיצן צווישן די שטאַרקע ווענט. סאַלוואַדאָר האָט זיי אַלעמען אויפֿגענומען מיט אָפֿענע אָרעמס, געגעבן שפּײַז און אַ נאַכטלעגער און זיי באַרויקט, אַז באַלד וועלן קומען די רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן און פֿאַרטרײַבן די אינדיאַנער צוזאַמען מיט די ענגלענדער.

אָבער די רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן זײַנען ניט געקומען, און עס איז ניט געווען קיין שום מיטל זיי צו לאָזן וויסן, אַז זיי זאָלן קומען.

מיט אַ מאָל האָט סאַלוואַדאָר זיך געגעבן אַ הייב און גענומען גיין צו דעם אַרויסגאַנג פֿון הויז. „וואוהין?" — האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אַלעמענס מײַלער. — „איך גיי אָנזאָטלען מײַן פֿערד און פֿאָרן ברענגען הילף" — האָט סאַלוואַדאָר רויק געענטפֿערט.

— „גיי ניט! גיי ניט! מיר זײַנען אַרומגערינגלט פֿון אינדיאַנער פֿון אַלע זײַטן. גיי ניט, ווײַל דאָס מיינט אַ זיכערער טויט!"

סאַלוואַדאָר איז רויק אַרויס פֿון הויז. אַרײַן אין שטאַל, אָנגעזאָטלט זײַן פֿערד, און אין דער הייסער נאַכט האָט זיך באַלד באַוויזן אַ שטויב אויף דעם זאַמדיקן וועג פֿון סאַוט-קאַראָלײַנאַ, וואָס האָט געפֿירט צום לאַגער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. אַכט און צוואַנציק מײַל איז ער אַזוי געלאָפֿן דורך אַלע געפֿאַרן. אַזוי רײַטנדיק האָט סאַלוואַדאָר געקלאַפּט אין דער טיר פֿון יעדן קאָלאָניסט און מיט אַ געשריי געוואָרנט: — „די אינדיאַנער זײַנען באַפֿאַלן די קאָלאָניסטן. קאָלאָניסטן, צו אײַער געווער!" — האָט זיך געטראָגן זײַן געשריי.

ווען די אָפּטיילונג רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן, אָנגעפֿירט פֿון מאַיאָר וויליאַמסאָן און סאַלוואַדאָר, האָט געמאַרשירט, האָבן שוין אויפֿן גאַנצן וועג אויף זיי געוואַרט קאָלאָניסטן מיט געווער אין די הענט און זײַנען צוזאַמען געגאַנגען קעגן די אינדיאַנער צו באַפֿרײַען די קאָלאָניע.

די שלאַכט איז געווען אַ ביטערע. די אינדיאַנער, אָנגעפֿירט פֿון ענגלענדער, זײַנען געווען זייער גוט באַוואָפֿנט און גוט צוגעגרייט.

עס איז געווען דער ערשטער אויגוסט פֿון יאָר 1776, ווען אַ קויל פֿון אַן ענגלישן ביקס, געצילט פֿון אַן אינדיאַנישער האַנט,

האָט געטראָפֿן סאַלוואַדאָרן אויפֿן שלאַכטפֿעלד. סאַלוואַדאָר איז פֿאַרוואונדעט געוואָרן, אָבער ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די אינדיאַנער, וואָס האָבן אים געסקאַלפּט.

ער האָט נאָך געלעבט ווען מאַיאָר וויליאַמסאָן האָט אים געפֿונען אויפֿן פֿעלד.

— „מאַיאָר" — האָט סאַלוואַדאָר געפֿרעגט — „ווי האַלט עס מיט דער שלאַכט?"

— „מיר האָבן געוואונען!" — האָט דער מאַיאָר געענטפֿערט

— „פֿאַרטריבן זײַנען די אינדיאַנער מיט די ענגלענדער, אונדזער קאָלאָניע איז פֿרײַ!"

— „סאַלוואַדאָר" — האָט דער מאַיאָר ווײַטער געזאָגט — „מיר האָבן געקראָגן איצט נאָך בעסערע נײַעס. ניט בלויז אונדזער קאָלאָניע איז פֿרײַ, נאָר אַלע קאָלאָניעס זײַנען פֿרײַ! און הער זיך אײַן, וואָס מען פּראָקלאַמירט אין פֿילאַדעלפֿיע:

„אַלע מענטשן זײַנען גלײַך, אַלע מענטשן האָבן דאָס זעלביקע רעכט אויף לעבן, פֿרײַהייט, רעכט און גליק אין לעבן".

סאַלוואַדאָר האָט אַ שמייכל געטאָן און איז אויסגעגאַנגען אויף די הענט פֿון דעם מאַיאָר וויליאַמסאָן.

ער איז געווען דער ערשטער ייִד וואָס האָט אַוועקגעגעבן זײַן לעבן אין דעם קאַמף פֿאַר דער באַפֿרײַאונג פֿון די קאָלאָניעס. ער איז אין גאַנצן אַלט געווען 29 יאָר. זײַן טויט האָט אַרויסגערופֿן גרויס טרויער בײַ די קאָלאָניסטן.

# בנימין נאָנעס

געווען זײַנען דעמאָלט אין די קאָלאָניעס אַרום דרײַ טויזנט ייִדן. אַלע ייִדן האָבן זיך מיט לײַב און לעבן אַרײַנגעוואָרפֿן אין קאַמף צו באַפֿרײַען די קאָלאָניעס. ייִדן האָבן זייער גוט געוואוסט דעם טעם פֿון אונטערדריקונג און דעם גרויסן ווערט פֿון פֿרײַהייט. דערפֿאַר האָבן זיי זייערע פֿאַרמעגנס געגעבן און גרייט געווען זייערע לעבנס אײַנצושטעלן, כּדי די קאָלאָניעס זאָלן ווערן פֿרײַע שטאַטן.

עס זײַנען געווען ייִדישע סאָלדאַטן און עס זײַנען געווען ייִדישע אָפֿיצירן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין יענע קאַמפֿן. איינעם

פֿון זיי וועלן מיר דאָ איצט דערמאָנען. געהייסן האָט ער בנימין נאָנעס.

געקומען איז ער, ווי לאַפֿאַיעט, פֿון פֿראַנקרײַך, און געקומען איז ער אויך, פּונקט ווי לאַפֿאַיעט, צו קעמפֿן, כּדי די קאָלאָניעס זאָלן זיך קענען באַפֿרײַען פֿון ענגלישן יאָך.

געווען איז ער נאָך גאָר אַ יונגער בחור, ווען צו אים האָט דער־גרייכט דער רוף פֿון די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס, דער רוף נאָך הילף, דער רוף פֿון דעם שוואַכערן, וואָס קעמפֿט פֿאַר זײַן רעכט און פֿרײַהייט.

בנימין נאָנעס האָט פֿאַרלאָזן די אַקאַדעמיע, וואו ער איז געווען דער איינציקער ייִד, וואו ער האָט זיך געלערנט זייער גוט און די פּראָפֿעסאָרן האָבן געזאָגט, אַז ער וועט אויפֿוואַקסן אַ גרויסער געלערנטער.

ס'האָט ניט געהאָלפֿן דאָס בעטן פֿון טאַטן און דאָס געוויין פֿון דער מאַמען. ער האָט דערקלערט, אַז ער האָט דערפֿילט אין זיך דעם רוף פֿון יענע אונטערדריקטע, וואָס קעמפֿן איצט פֿאַר זייער פֿרײַהייט, און זײַן אָרט איז איצט דאָרט מיט זיי אויף יענער זײַט ים — אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס.

אין יאָר 1777 איז ער אָנגעקומען קיין פֿילאַדעלפֿיע און גלײַך וואָלונטירט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי.

זײַן העלדישקייט האָט ער אַרויסגעוויזן ווען אים איז אויסגע־קומען צו באַטייליקן זיך אין די שלאַכטן לעבן סאַוואַנאַ. די שטאָט איז געווען באַלאַגערט און די קאַמפֿן זײַנען געווען שרעקלעכע. אין יענער שלאַכט זײַנען דערהרגעט געוואָרן די קאָמאַנדירן פֿון דער אַרמיי־אָפּטיילונג אין סאַוואַנאַ. די סאָלדאַטן זײַנען געבליבן אָן פֿירערס. דעמאָלט האָט זיך אַרויסגערוקט בנימין נאָנעס און האָט איבערגענומען די פֿירערשאַפֿט, און מערקווערדיק — די סאָלדאַטן האָבן דערזען אין אים אַן אויסגעצייכנטן קאָמאַנדיר און האָבן גע־קעמפֿט אונטער זײַן פֿירערשאַפֿט און טאַקע געוואונען יענע שלאַכט קעגן די ענגלענדער.

ווען די נײַעס האָט דערגרייכט וואַשינגטאָנען, האָט ער אים גלײַך געשיקט אַ ספּעציעלן סערטיפֿיקאַט ווי אַן אָנערקענונג פֿאַר זײַן גרויסן אויפֿטו — און ער איז דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פֿון אַ מאַיאָר אין דער אַרמיי.

אַזוי האָט זיך בנימין נאָנעס אויסגעצייכנט אין נאָך אַנדערע שלאַכטן.

ס'איז כדאַי צו באַמערקן, אַז בנימין נאָנעס איז געווען איינער פֿון יענע אָפֿיצירן, וואָס האָט אָנגעפֿירט די שלאַכט לעבן קעמדן, און ווען גענעראַל דעקאַלב איז אין יענער שלאַכט זייער שטאַרק פֿאַרוואונדעט געוואָרן, האָבן דרײַ אָפֿיצירן אַראָפּגעטראָגן דעם גע־נעראַל פֿון שלאַכטפֿעלד. זיי זײַנען געווען מאַיאָר בנימין נאָנעס, קאַפּיטאַן יעקבֿ דע לאַ מאָטאַ און קאַפּיטאַן יעקבֿ דעליאָן — אַלע דרײַ יידן.

אינטערעסאַנט איז, אַז איינער — אַ טאָרי — האָט דעמאָלט געזאָגט עפּנטלעך, אַז מ'טאָר זיך ניט פֿאַרלאָזן אויף בנימין נאָנעס, ווײַל ער איז אַ ייד, דערצו נאָך אַן אָרעמער ייד און אַ צו שטאַרקער אָנהענגער פֿון אַ רעפּובליק.

בנימין נאָנעס האָט אים געענטפֿערט אין אַן אָפֿענעם בריוו, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער „יונײַטעד סטייטס גאַזעט”, וואו ער האָט געשריבן, אַז ס'איז אַלצדינג אמת אין וואָס דער טאָרי האָט אים באַשולדיקט. „איך גיב אַלץ צו, איך בין אַ ייד, אַזוי זיינען געווען אַבֿרהם, יצחק, יעקבֿ, משה, די נבֿיאים און אין אַזאַ געזעל־שאַפֿט פֿיל איך זיך זייער אָנגענעם און באַקוועם. איך בין אַן אָרע־מער ייד, יאָ, ס'איז אמת, ווײַל איך האָב באַשלאָסן, אַז איך וועל לעבן בלויז פֿון דעם, וואָס איך וועל פֿאַרדינען דורך מײַן אַרבעט, דורך מײַן שווייס און פּראַצע. יאָ, איך בין אויך קעגן אַ קיניג און דערפֿאַר בין איך אַ זייער שטאַרקער אָנהענגער פֿון דער רעפּובליק”.

די רעגירונג האָט אים געלאָזט וויסן, אַז זי וויל אים געבן אַ שטיק לאַנד ווי אַ באַלוינונג פֿאַר זײַן העלדישקייט אין דער מלחמה פֿאַר דער באַפֿרײַאונג פֿון די קאָלאָניעס. בנימין נאָנעס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען דאָס לאַנד. ער האָט געענטפֿערט, אַז ער האָט געקעמפֿט כּדי מענטשן זאָלן לעבן פֿרײַ — און ניט פֿאַר קיין באַ־צאָלט. ווען ער זאָל נעמען דאָס לאַנד וועט עס מיינען, אַז ער קריגט באַצאָלט — און דאָס וויל ער ניט. ער איז טאַקע געשטאָרבן אַן אָרעמאַן.

# חיים סאָלאָמאָן

דאָס איז געווען אין אָווענט, דעם 5טן אויגוסט, 1778. אַ קיל ווינטל האָט געבלאָזן פֿון האָדסאָן- און איסט-ריווער און דערקוויקט די איינוואוינערס, וואָס זיינען געזעסן לעבן זייערע הייזער אויף די גאַסן פֿון ניו-יאָרק.

מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן פֿון אַ פּויק און ס'האָבן זיך באַוויזן פֿייערן פֿון 2 פֿאַקלען. די איינוואוינערס האָבן זיך אין איילעניש אַ לאָז געטאָן צו זיך אין די הייזער און זיינען פֿאַר-שוואונדן פֿון גאַס. זיי האָבן געוואוסט, אַז דאָס פֿירט מען אַרעסטירטע וואָס קעמפֿן קעגן ענגלאַנד.

אַ סאָלדאַט מיט אַ פּויק איז געגאַנגען פֿאָרויס, הינטער אים צוויי סאָלדאַטן מיט פֿאַקלען, צוויי סאָלדאַטן מיט ביקסן, נאָך זיי אַן אַרעסטאַנט, די הענט געבונדן, און הינטער אים נאָך צוויי סאָל-דאַטן מיט ביקסן.

אַזוי פֿלעגט ענגלאַנד אָנשרעקן די איינוואוינערס נישט צו קעמפֿן קעגן איר.

דער אַרעסטירטער איז געווען דער ייִד חיים סאָלאָמאָן. מען האָט אים אַריינגעפֿירט אין דער טורמע, באַוואוסט מיטן נאָמען „פּראָוואָסט דזשעיל”, וואו מען האָט געהאַלטן די ערגסטע פֿאַר-ברעכערס. דער אויפֿפּאַסער פֿון דער טורמע איז געווען וויליאַם קאַנניגהעם, אַ ברוטאַלער מענטש, וועמען די ענגלענדער אַליין האָבן אין 1791 אויפֿגעהאָנגען ווי אַ פֿאַרברעכער.

קאַנינגהעם האָט סאָלאָמאָנען אַ לאַנגע צייט געלאָזט שטיין לעבן טיר. ענדלעך האָט ער זיך אָפּגערופֿן צו אים: — „ייִד, איצטער וועסטו זיך שוין פֿון מיינע הענט נישט אַרויסדרייען!”

מען האָט סאָלאָמאָנען אַריינגעפֿירט אין אַ צעל, וואָס איז געווען געפּאַקט מיט אַרעסטירטע קעמפֿערס קעגן ענגלאַנד. סאָלאָמאָן האָט קוים געפֿונען אַ שטיקל אָרט פֿאַר זיך אין ווינקל פֿון ענגן צעל. ער האָט זיך געזעצט אויפֿן דיל און ביי זיך געטראַכט צי וועט ער באַ-פֿרייט ווערן פֿון דאַנען. אפֿשר וועט פּאַסירן ווידער אַ נס, ווי אין סעפּטעמבער, 1776, ווען מען האָט אים צום ערשטן מאָל אַרעסטירט און דער קאָמאַנדיר פֿון די „העסיענס” האָט פֿאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אים באַפֿרייען און אים באַשטימען ווי אַן איבערזעצער. ער, סאָ-

לאַמאַן, האָט געקאָנט אַ סך שפּראַכן און ער האָט געקאָנט איבערזעצן פֿון דײַטש אויף ענגליש.

ער האָט געטראַכט וועגן זײַן פֿרוי, רחל, און זײַן זון, וואָס איז בלויז איין חודש אַלט, צי וועט ער זיי נאָך אַ מאָל זען; צי וועט ער זען אַ באַפֿרײַטע און זעלבשטענדיקע אַמעריקע. ענגלאַנד איז דאָך אַזוי שטאַרק. אירע צען טויזנט אייגענע סאָלדאַטן און די 20 טויזנט געדונגענע סאָלדאַטן פֿון אייראָפּע זײַנען דערפֿאַרענע און געלערנטע אין מלחמה-פֿירונג, זיי האָבן אַ סך געווער און גענוג שפּײַז; דער ענגלישער פּלאַט איז דער הערשער אויף די ימען און ער פֿאַרשטעלט דעם וועג צו די אַמעריקאַנער האַפֿנס. צי וועלן קאָנען די וואָלילע און מוטיקע אַמעריקאַנער בחורים געווינען קעגן זיי די מלחמה? „ווער ווייס" — האָט ער געטראַכט — „עס פּאַסירן וואונדער, בפֿרט ווען מען קעמפֿט פֿאַר פֿרײַהייט און רעכט. אָט האָבן די חשמונאים געקעמפֿט און באַזיגט אַ שטאַרקע אַרמיי".

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט דער קריגס-געריכט אים גע־פֿונען שולדיק, אַז ער האָט געהאָלפֿן אַמעריקאַנער מלחמה-געפֿאַנ־גענע צו אַנטלויפֿן; אַז ער איז אַן אַמעריקאַנער שפּיאָן; אַז ער שטייט אין פֿאַרבינדונג מיט דער קאָנטינענטאַלער אַרמיי; אַז ער האָט אויף וואַשינגטאָנס באַפֿעל געוואָלט פֿאַרברענען די ענגלישע פֿלאָטע אין ניו-יאָרקער האַפֿן. מען האָט אים פֿאַרמשפּט צום טויט דורך הענגען, פֿאַר טאָג, דעם 11טן אויגוסט, 1778. מען האָט אים פֿאַרשפּאַרט אין אַ קליינעם צעל, וואו ער האָט געוואַרט אויפֿן טויט.

ליגנדיק אויפֿן קאַלטן, שטיינערנעם דיל, בײַ נאַכט, האָט ער מיט אַ מאָל דערהערט ווי מען רעדט דײַטש. ער האָט פֿאַרשטאַנען אַז די „העסיענס" נעמען איבער די וואַך. ווען דער „העסיען"-וועכ־טער איז געבליבן אַליין, האָט חיים סאָלאָמאָן זיך צוגערוקט נאָענט צו דעם טירל פֿון צימער און אין דער אָפּשפּיגלונג פֿון דער לבֿנה־ליכט האָט ער דערזען פֿאַר זיך אַ גוטמוטיקן, פּויערשן פּנים, ווע־מען דער פֿירשט פֿון די „העסיענס" האָט פֿאַרדונגען צו די ענגלענ־דער. שטיל האָט סאָלאָמאָן געגומען רעדן צום סאָלדאַט. דער „העסיען" איז אויפֿגעציטערט געוואָרן, ווען ער האָט פּלוצעם אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט דערהערט ווי עמעצער רעדט אין זײַן שפּראַך, אין דײַטש:

— „גרויס און ברייט איז אַמעריקע. אַנטלויף צו די אַמעריקאַ־

נער. וואַשינגטאָן וועט דיר געבן 100 אַקער לאַנד. דו וועסט אַקערן און זייען דיין אייגן לאַנד און ניט זיין מער קיין לייב-קנעכט ביי דיין פירשט. דו וועסט דאָ חתונה האָבן און לעבן אַ פריי לעבן אין אַ פריי לאַנד".

ביים זונאויפגאַנג, ווען די ענגלענדער זיינען געקומען הענגען סאָלאָמאָנען, האָבן זיי ניט געפונען — ניט דעם וועכטער און ניט דעם אַרעסטאַנט. סאָלאָמאָן איז אַנטלאָפן קיין ניו-דזשוירזי און פון דאָרט קיין פילאַדעלפיע, דער הויפט-צענטער פון קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון די קאָלאָניעס.

## ווער איז געווען חיים סאָלאָמאָן?

חיים סאָלאָמאָן איז געווען אַ פוילישער ייד, וואָס האָט איינגעשטעלט זיין לעבן און האָט אַוועקגעגעבן זיין גרויסן פאַרמעגן צו העלפן באַפרייען די דרייצן קאָלאָניעס פון ענגלישן יאָך.

ער איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1740 אין ליסאַ, פוילן, ביי אָרעמע עלטערן. ער איז אַוועק פון פוילן קיין האָלאַנד, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער בחור, ווייל ער האָט געהערט אַז אין האָלאַנד איז דאָ רעליגיעזע פרייהייט פאַר אַלעמען. פון האָלאַנד איז ער אַוועק קיין ענגלאַנד, וואו ער האָט זיך אויסגעלערנט די ענגלישע שפּראַך. אין יאָר 1772 איז ער געקומען קיין אַמעריקע. דעם 6טן יולי, 1776, האָט ער חתונה געהאַט מיט רחל פראַנק, די טאָכטער פון אַן אָנגעזעענער יידישער משפחה אין ניו-יאָרק, וואָס האָט געשטאַמט פון מאַראַנען.

אַ קענער פון אַ סך שפּראַכן, האָט ער געפירט האַנדל אין ניו-יאָרק און איז גיך רייך געוואָרן. ער האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אין דער אָרגאַניזאַציע פון קעמפערס קעגן ענגלאַנד: „סאַנס אָוו ליבערטי" (די זין פון פרייהייט). ער האָט אָפּגעגעבן זיין צייט און איינגעשטעלט זיין לעבן צו העלפן אינעם קאַמף צו באַפרייען אַמעריקע.

ווען ער איז אַנטלאָפן פון ניו-יאָרק און געקומען קיין פילאַדעלפיע, איז ער געווען זייער אָרעם. עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און ער איז געוואָרן באַוואוסט ווי אַ רייכער און אָנגעזעענער מענטש אין שטאָט. ער איז געווען דער פינאַנץ-פאַרטרעטער פון די רעגירונגען פון האָלאַנד און פראַנקרייך, און ער איז אויך געוואָרן




דער חיים סאַלאָמאָן־מאָנומענט אין שיקאַגאָ

רעכטס: חיים סאַלאָמאָן, אין מיטן: דזשאָרדזש וואַשינגטאָן,
לינקס: ראָבערט מאָריס.

דער געטרייער מיטארבעטער פֿון ראָבערט מאָרים, קאַסירער פֿון דעם קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס, צו שאַפֿן די פֿאָנדן פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי.

מער ווי הונדערט מאָל ווערט סאָלאָמאָנס נאָמען דערמאָנט אין טאָגבוך פֿון ראָבערט מאָרים ווי דער יעניקער, וואָס האָט געהאָלפֿן שאַפֿן פֿאָנדן צו באַזײַטיקן די גרויסע עקאָנאָמישע שוועריקייטן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי.

עס ווערט דערציילט, אַז איין מאָל, יום־כּיפּור בײַ טאָג, ווען אַלע ייִדן זײַנען געשטאַנען און געדאַוונט, איז אָנגעקומען אַ ספּעציעלער שליח פֿון ראָבערט מאָרים צו סאָלאָמאָנען, אים אַרויסגערופֿן פֿון שול און געלאָזט וויסן, אַז די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי מוז גלײַך האָבן 20 טויזנט דאָלאַר, אויב ניט איז זי אין גרויס געפֿאַר. ניט געקוקט אויף דעם וואָס עס איז געווען יום־כּיפּור, האָט ער צווישן די ייִדן צונויפֿגעקליבן די סומע געלט און עס איבערגעשיקט צו ראָבערט מאָרים.

ער האָט פֿאַר דער רעוואָלוציע אַוועקגעגעבן זײַן גאַנצן פֿאַרמעגן און געשאַפֿן גרויסע סומעס געלט אויך פֿון אַנדערע קוואַלן. ער האָט אויסגעבאָרגט געלט און געהאָלפֿן אויסהאַלטן דעלעגאַטן צום קאָנטינענטאַלן קאָנגרעס אין פֿילאַדעלפֿיע. איינער פֿון זיי איז געווען דער שפּעטערער פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, דזשיימס מעדיסאָן, וואָס האָט געשריבן, אַז אַ דאַנק דער פֿינאַנציעלער הילף פֿון דעם ייִדישן פֿרײַנד, חיים סאָלאָמאָן, האָט ער געקאָנט זײַן אין פֿילאַדעלפֿיע און זיך באַטייליקן אין די פֿאַרהאַנדלונגען פֿון קאָנגרעס.

אין דער זעלביקער צײַט איז אויך חיים סאָלאָמאָן געווען טעטיק אין דער ייִדישער קהילה פֿון פֿילאַדעלפֿיע. ער האָט בײַגעשטײַערט איבער 300 פֿונט, כּדי צו קאָנען בויען די ערשטע סינאַגאָגע אין שטאָט. ער האָט אויך באַשטעלט אַ ספֿר־תּורה פֿון אייראָפּע און אַרײַנגעפֿירט זי אין דער דאָרטיקער שול.

ער איז אויך געווען איינער פֿון די פּראָמינענטע מענטשן אין פֿילאַדעלפֿיע וואָס האָבן אין 1783 געפֿאָדערט, אַז מען זאָל אָפּשאַפֿן דעם פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע, אַז באַאַמטע דאַרפֿן שווערן מיט אַ קריסטלעכער שבֿועה. דאָס האָט געפֿירט דערצו, אַז ייִדן

האָבן ניט געקאָנט אָננעמען קיין אַמט. שפּעטער איז דער פּונקט אָפּגעשאַפט געוואָרן.

ער האָט אויך נישט פאַרגעסן זײַן משפחה אין פּוילן. ער האָט זיי געשיקט געלט דורך אַ סוחר פון אַמסטערדאַם. אויך פלעגט ער זיך דורכשרײַבן מיט זיי אין יידיש.

אין פרילינג פון יאָר 1784 האָט ער געקויפט אַ הויז אין ניו־יאָרק, אויף וואָל- און פּוירל-גאַסן. ער האָט דעמאָלט אויך געשיקט מתּנות צו זײַנע עלטערן און קרובים אין פּוילן. ער איז אָבער געווען קראַנק. קראַנק איז ער געוואָרן זײַענדיק אַן ענגלישער אַרעסטאַנט, וואו ער איז געוואָרן באַהאַנדלט אויף אַ ברוטאַלן אופן.

ער האָט ניט באַוויזן זיך אַריבערצוקלײַבן אין זײַן נײַער הויז, ווײַל אין יאַנואַר 1785 איז ער געשטאָרבן אין פילאַדעלפיע אין עלטער פון 45 יאָר, איבערלאָזנדיק אַ יונגע אַלמנה מיט פיר קליינע קינדער. ער האָט פאַר זיי קיין פאַרמעגן ניט איבערגעלאָזן, ווײַל זײַן גאַנץ פאַרמעגן און זײַן לעבן האָט ער אַוועקגעגעבן פאַר דער באַפרײַאונג פון די דרײַצן קאָלאָניעס, וואָס ער האָט נאָך דער־לעבט צו זען ווי דרײַצן פרײַע שטאַטן.

## דער אײַנפלוס פון תּנך אויף דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע

אין דער צײַט פון דער רעוואָלוציע קעגן ענגלאַנד האָבן זיך דאָ געפונען מענטשן וואָס האָבן געטענהט, אַז מען טאָר ניט פירן קיין קאַמף קעגן דעם ענגלישן קיניג, ווײַל אַ קיניג האָט געקראָגן זײַן רעכט פון גאָט, דעריבער איז די קיניגלעכע פּערזאָן און זײַן מאַכט הייליק.

קעגן די טענות איז אַרויסגעטראָטן דער גלח סעמועל לאַנגדאָן, פּרעזידענט פון האַרוואַרד קאָלעדזש אין יאָר 1775. ער האָט אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג אַזוי געזאָגט:

„די יידישע רעגירונג און געזעצן אין דער אַלטער צײַט זײַנען געווען געבויט לויט דער ערשטער קאָנסטיטוציע, דער תּורה, וואָס איז געוואָרן הייליק און אָנערקענט פון אַלעמען. זי האָט באַשטימט דווקא אַ ציווילע רעגירונג און אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן.

„זאָל קיינער ניט קומען און אונדז דערציילן, אַז אַ קיניג האָט הייליקע רעכט נאָך פֿון גאָר אַלטע צײַטן. דאָס איז ניט אמת.

„די תּורה איז אין דער אמתן געווען קעגן אַ קיניג. שמואל איז געווען קעגן אַ קיניג, און ווען ער האָט שוין נאָכגעגעבן און אויסגעקליבן אַ קיניג, האָט ער עס באַטראַכט ווי אַ זינד קעגן גאָט, אַן עבֿירה צו האָבן אַ קיניג אין לאַנד.

„די ייִדישע געזעצן וואָס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן אָן אַ קיניג מעגן ווערן מוסטער-געזעצן, וואָס דאַרפֿן און קענען ווערן אײַנגעפֿירט בײַ אונדז. די ייִדן האָבן געוויזן, אַז מען קען שאַפֿן גוטע געזעצן און האָבן אַ גוטע רעגירונג אָן אַ קיניג".

ווען די קאָלאָניעס זײַנען געוואָרן פֿרײַ און געשאַפֿן די פֿאַראייניקטע שטאַטן, האָט די רעגירונג דעמאָלט באַשטימט, אַז טאָמאַס דזשעפֿערסאָן, דזשאָן אַדאַמס און בענדזשאַמין פֿרענקלין זאָלן אויסאַרבעטן די פֿאָרעם פֿון אַן אָפֿיציעלן זיגל פֿאַר די שטאַטן.

זיי האָבן רעקאָמענדירט, אַז דער גרויסער זיגל פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן זאָל פֿאָרשטעלן אַזאַ בילד:

פּרעה זיצט אין אַן אָפֿענער קאַרעטע, אַ קרוין אויף זײַן קאָפּ, און אַ שווערד אין האַנט, און יאָגט זיך נאָך די ייִדן בײַם רויטן ים. בײַם ברעג שטייט משה, פֿון זײַן קאָפּ שײַנען ליכטיקע שטראַלן, ער האַלט די האַנט אויסגעשטרעקט איבערן ים און ווײַזט די ייִדן ווי זיך צו באַפֿרײַען פֿון פּרעהס קנעכטשאַפֿט.

אין יאָר 1790 האָט פּאַסירט, אַז אַ סענאַטאָר פֿון ניו-ענגלאַנד איז אין סענאַט אַרויסגעטראָטן קעגן אימיגראַנטן. קעגן אים איז אַרויסגעטראָטן אַ סענאַטאָר פֿון פּענסילוויי ניע, מיטן נאָמען מעקלעי, וואָס האָט דערבײַ געלייענט די פּסוקים פֿון דער תּורה:

„זאָלסט ליב האָבן דעם פֿרעמדן, וואָס איז צווישן דיר. דעם פֿרעמדן וואָס איז צווישן דיר זאָלסטו באַטראַכטן ווי אַן אײַנגעבוירענעם צווישן דיר, און דו זאָלסט אים ליב האָבן ווי זיך אַליין, ווײַל אַ פֿרעמדער ביסטו געווען אין מצרים".

„מיר מעגן זיך לערנען פֿון דער תּורה ווי זי האָט געלערנט די ייִדן ליבשאַפֿט צו אַ פֿרעמדן, צום אימיגראַנט, וואָס איז געקומען זיך באַזעצן אין ייִדישן לאַנד. מיר, פּענסילוויי ניער, גלייבן און פֿירן זיך אויף ווי מיר גלייבן, אַז גאָט האָט באַשאַפֿן אַלע מענטשן אויף דער וועלט מיטן זעלביקן רעכט און זעלביקן בלוט".



דזשאָרדזש וואַשינגטאָן

# דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און די ייִדן פֿון ניו־יאָרק

עס איז געווען אין אַ הייסן טאָג אין אויגוסט 1776. פֿון אַלע עקן שטאָט האָבן זיך ייִדן געקליבן אין דער קליינער שול אויף מיל־גאַס.

דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער. די שטיינער פֿון ברוק זײַנען געווען אַזוי אָנגעגליט, אַז זיי האָבן געברענט די פֿיס, וואָס האָבן אויף זיי געטראָטן. אַפֿילו די וואַסערן פֿון די בײדע טײַכן, וואָס האָבן זיך באַגעגנט ניט ווײַט פֿון מיל־גאַס, האָבן ניט געקענט קלענער מאַכן די היץ.

געווען איז עס ניט קיין שבת און ניט קיין יום־טובֿ, ווען ייִדן גייען געוויינטלעך אין שול, נאָר דווקא אַ וואָכעדיקער טאָג. און דאָך זײַנען אַלע געגאַנגען אין שול. געגאַנגען זײַנען אַלע, מאַן און פֿרוי, יונג און אַלט. געגאַנגען איז מען מיט ערנסטע פּנימער.

דאָס האָט דער יונגער רבֿ גרשם מענדעס סעישאַס גערופֿן ייִדן זיך דורכצורעדן מיט זיי אין טאָג פֿון קריזיס.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און די שול איז געוואָרן פֿול מיט ייִדן. אויף דער בימה איז אַרויף דער 31־יאָריקער רבֿ. אַ טויטע

שטילקייט האָט געהערשט אין שול. אַלעמענס אויגן זײַנען געווען געווענדט צו דער בימה, וואו עס איז געשטאַנען דער יונגער רבֿ.

אַ מינוט איז דער רבֿ געשטאַנען שטיל און האָט באַטראַכט דעם עולם. אָבער באַלד האָט זיך דערהערט איבער דער שול אַ האַרציקע שטים. דאָס האָט דער רבֿ אָנגעהויבן רעדן:

— „ייִדן, מיר האָבן זיך דאָ צונויפֿגעקליבן אין זייער אַן ערנ-סטער צײַט. אַ צײַט, וואָס דאַרף באַשטימען דעם גורל פֿון מענטשן, וואָס האָבן ליב פֿרײַהייט, וואָס ווילן גערעכטיקייט און זעלבשטענ-דיקייט. איר הערט פֿון ווײַטן די דונערן? דאָס זײַנען די ענגלישע האַרמאַטן. די ענגלישע אַרמיי דערנעענטערט זיך צו ניו-יאָרק. עס קען זײַן, אַז דער שונא זאָל מאָרגן פֿאַרנעמען די שטאָט. וואָס דאַרפֿן מיר, ייִדן, איצט טאָן? מיר זײַנען ניט קיין סך איצט אין די קאָלאָניעס, אפֿשר צוויי טויזנט, און אפֿשר דרײַ טויזנט. אָבער ייִדישער מוט האָט שוין אַ שם. די ייִדישע מיליטערישע בריגאַדע פֿון סאַוט-קאַראָלײַנאַ, געפֿירט פֿון יעקבֿ קאָהען, וואַרפֿט אָן אַ שרעק אויף דעם שונא.

„זיכער האָט איר געהערט פֿון בנימין נאָנעס, דעם ייִדישן אָפֿי-ציר פֿון לאַפֿאַיעטן, וואָס צייכנט זיך אויס אין די קאַמפֿן. איר ווייסט אויך פֿון קוירנעל בוש, און אײַזיקס, און פֿראַנקס, און צענ-דליגער אַנדערע ייִדישע אָפֿיצירן און הונדערטער ייִדישע סאָלדאַטן אין וואַשינגטאָנס אַרמיי.

„אָט האָבן מיר זיך הײַנט דערוואוסט די טרויעריקע נײַעס וועגן די צוויי ייִדישע רעוואָלוציאָנערע פֿירערס פֿון די דרום-שטאַטן. דער ייִד סאַלוואַדאָר, איינער פֿון די פֿירערס פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן קאָ-מיטעט פֿון סאַוט-קאַראָלײַנאַ, איז דערהרגעט געוואָרן פֿון די ענג-לענדער, און מרדכי שעפֿטל, דער פּראָוויאַנט-גענעראַל פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי אין דער סאַוט, איז געפֿאַנגען געוואָרן פֿון די ענגלענדער. זיכער ווייסט איר אַלע וואָס אונדזער חיים סאַלאָמאָן טוט דאָ צו העלפֿן שאַפֿן די פֿאָנדן פֿאַר דער אַרמיי, וואָס פֿירט דעם קאַמף פֿאַר דער באַפֿרײַאונג פֿון די קאָלאָניעס. אָבער וואָס טוען מיר?

„איר הערט? דער דונער פֿון די האַרמאַטן ווערט העכער. דאָס הייסט, אַז דער שונא דערנעענטערט זיך צו דער שטאָט. און מיר?



**דער רבֿ**
**גרשם מענדעס סעישאַס**

וועלן מיר בלײַבן אין שטאָט און אויפֿנעמען דעם שׂונא? זאָלן מיר בלײַבן אין שטאָט און געבן שפּײַז דעם שׂונא? ניין!״

דער רבֿ האָט געענדיקט רעדן, אָבער דער עולם אין שול איז געבליבן שטיל. אַלעמענס אויגן זײַנען נאָך אַלץ געווען געווענדט צו דער בימה. מען האָט געוואַרט אויף אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע, וואָס יעדערער האָט זיך געשטעלט: וואָס זאָלן מיר טאָן?

— „ייִדן!״ — האָט זיך ווידער דערהערט דעם רבֿס שטים — „ייִדן, עס איז אונדזער חובֿ ווי ייִדן, ווי אָנהענגערס פֿון פֿרײַהייט, ווי קינדער פֿון די חשמונאים, אַוועקצוגיין פֿון שטאָט, צו פֿאַרלאָזן אונדזערע היימען, אונדזער גוטס, און יעדער איינער וואָס קען נאָר האַלטן געווער אין האַנט — זאָל זיך שלאָגן קעגן שׂונא, און די וואָס קענען עס ניט — זאָלן ניט בלײַבן, זאָלן אַוועק און מיט גאָרניט העלפֿן דעם שׂונא״.

מיט אַ מאָל איז דער רבֿ אַראָפּ פֿון דער בימה, צוגעגאַנגען צום אָרון־קודש, געגעבן אַ צי דעם פּרוכת און אַרויסגענומען די ספֿר־תּורה. דער עולם האָט זיך אַ וויג געטאָן. וואָס גייט דאָ דער רבֿ טאָן?

— „יִדן!״ — האָט דער רבֿ אַ געשריי געטאָן — „איך וועל ניט לאָזן די תּורה זאָל פֿאַרשוועכט ווערן, ווען די ענגלענדער וועלן אַריבערטרעטן די שוועל פֿון דער שול. יִדן, איך נעם די תּורה אויף מײַנע הענט און גיי אַוועק פֿון שטאָט. ווער עס איז פֿאַר פֿרײַהייט, גערעכטיקייט און זעלבשטענדיקייט זאָל גיין מיט מיר!״

מיט גרויס פֿאַרוואונדערונג האָבן די סאָלדאַטן געזען ווי צו גענעראַל וואַשינגטאָנס לאַגער דערנענטערט זיך אַ מערקווערדיקע פּראָצעסיע. פֿאָרויס גייט איינער אָנגעטאָן אין אַ טלית מיט אַ ספֿר-תּורה אויף די הענט, און נאָך אים גייען אַ סך יִדן.

וואַשינגטאָן האָט זיי אויפֿגענומען.

— גענעראַל״ — האָט דער רבֿ סעישאַס געזאָגט — „פֿאַר אײַך שטייען אַלע יִדן פֿון ניו-יאָרק. מיר האָבן פֿאַרלאָזן אונדזערע היימען און מיר זײַנען אַלע געקומען העלפֿן דעם קאַמף פֿאַר פֿרײַהייט. זאָגט אונדז וואָס מיר קענען טאָן און מיר וועלן עס טאָן״.

וואַשינגטאָן איז געווען זייער גערירט פֿון דער סצענע און האָט געזאָגט:

— „יִדן, אײַער הילף, אײַער פּאַטריאָטיזם און לאָיאַליטעט צו דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי איז בײַ אונדז זייער הויך אָפּגעשאַצט. איך בין זיכער, אַז ווען מיר וועלן אויסקעמפֿן אונדזער זעלבשטענדיקייט, וועלן די יִדן אַלע מאָל זײַן אונדזערע מיטבירגער און פֿרײַנד״.

* * *

עס איז געקומען דער דרײַסיקסטער אַפּריל, 1789. עס איז געווען אַ שיינער זוניקער דאָנערשטיק אין ניו-יאָרק. די שטאָט האָט געיובֿלט. עס איז אַ גרויסער יום-טובֿ געווען אין שטאָט. די דרײַסיק טויזנט אײַנוואוינערס פֿון ניו-יאָרק מיט נאָך עטלעכע טויזנט פֿון אַנדערע שטאָטן האָבן אָנגעפֿילט אַלע גאַסן אַרום בראָד- און וואָל-גאַסן, צו זען ווי אַזוי גענעראַל דזשאָרדזש וואַשינגטאָן ווערט אײַנגעשוואוירן ווי דער ערשטער פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

אויף דער ברייטער פּלאַטפֿאָרם איז לעבן דזשאָרדזש וואַשינגטאָן געשטאַנען דער רבֿ גרשם מענדעס סעישאַס, וואָס איז פֿאַרבעטן געוואָרן צו דער צערעמאָניע ווי אַ פּערזענלעכער פֿרײַנד פֿון וואַ-

שינגטאָנען און אויך ווי איינער פֿון די גײַסטלעכע וואָס דאַרפֿן אײַנ־שווערן דעם פּרעזידענט.

נאָך דער צערעמאָניע האָט וואַשינגטאָן זיך אַ קער געטאָן צום רבֿ סעיִשאַס און האָט געזאָגט:

— „גיט איבער אין מײַן נאָמען צו די קינדער פֿון אַבֿרהם וואָס לעבן דאָ אין לאַנד, אַז זיי זאָלן געניסן רעכט, פֿאַרגעניגן און פֿרײַ־הייט ווי אַלע אַנדערע בירגער פֿון לאַנד. זאָל יעדערער זיצן פֿרידלעך אונטער זײַן ווײַנשטאָק און אונטער זײַן פֿײַגנבוים, און עס זאָל ניט זײַן קיינער וואָס זאָל אים שרעקן״.



די ערשטע שול
אין
צפֿון־אַמעריקע

# פֿײַערונג לכּבֿוד דזשאָרדזש וואַשינג־טאָנס בריוו צו די ייִדן אין ניופּאָרט

אין יאָר 1949, איז אין ניופּאָרט, ראָוד־אײַלאַנד, פֿאָרגעקומען אַ זייער אינטערעסאַנטע און וויכטיקע פֿאַרזאַמלונג צו פֿײַערן דעם 160־יאָריקן יובילײ פֿון אַ בריוו.

דאָס איז געווען לכּבֿוד אַ בריוו, וואָס דזשאָרדזש וואַשינגטאָן האָט געשיקט צו די ייִדן פֿון ניופּאָרט, ווען ער איז געוואָרן דער ערשטער פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אין יאָר 1789.

אין יענעם בריוו האָט וואַשינגטאָן געשריבן: „די בירגער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן מעגן זײַן שטאָלץ פֿאַרן געבן דער וועלט אַ בײַשפּיל פֿון טאָלעראַנץ און פֿון ליבעראַלע באַציאונגען צו אַלע בירגער אָן אונטערשייד פֿון גלויבן. די רעגירונג פֿון די פֿאַראײי־ניקטע שטאַטן וועט קיין מאָל ניט שטיצן און העלפֿן יענע, וואָס זוכן צו פֿאַרשפּרייטן רעליגיעזן־ און ראַסן־האַס".

„זאָלן די קינדער פֿון אַבֿרהם, וואָס וואוינען דאָ אין לאַנד, גענים דאָס זעלביקע רעכט, ווי אַלע אײַנוואוינערס, און זאָל יעדערער לעבן זיכער און צופֿרידן אונטער זײַן ווײַנשטאָק און פֿײַגנבוים, און עס זאָל ניט זײַן קיינער אין לאַנד, וואָס זאָל אים שרעקן".

אַזאַ בריוו איז זיכער ווערט צו ווערן דערמאָנט און געפֿײַערט. ס'איז אָבער כּדאַי צו דערמאָנען, אַז די פֿײַערונג איז פֿאָרגעקומען אין דער באַרימטער טוראָ־שול, וואָס איז אין מערץ 1946 דערקלערט געוואָרן פֿון דער אַמעריקאַנער רעגירונג ווי אַ נאַציאָנאַלע היס־טאָרישע הייליקטום פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

אין יאָר 1790 איז וואַשינגטאָן געקומען קיין ניו־פּאָרט און האָט אויך באַזוכט די טוראָ־סינאַגאָגע, וואו ער איז אויפֿגענומען געוואָרן פֿון די ייִדן מיט גרויס פּאַראַד.



To the Hebrew Congregation in Newport
Rhode Island.

Gentlemen.

While I receive, with much satisfaction, your Address replete with expressions of affection and esteem; I rejoice in the opportunity of assuring you, that I shall always retain a grateful remembrance of the cordial welcome I experienced in my visit to Newport, from all classes of Citizens.

The reflection on the days of difficulty and danger which are past is rendered the more sweet, from a consciousness that they are succeeded by days of uncommon prosperity and security. If we have wisdom to make the best use of the advantages with which we are now favored, we cannot fail, under the just administration of a good Government, to become a great and a happy people.

The Citizens of the United States of America have a right to applaud themselves for having given to mankind examples of an enlarged and liberal policy: a policy worthy of imitation. All possess alike liberty of conscience and immunities of citizenship. It is now no more that toleration is spoken of, as if it was by the indulgence of one class of people, that another enjoyed the exercise of their inherent natural rights. For happily the Government of the United States, which gives to bigotry no sanction, to persecution no assistance requires only that they who live under its protection should demean themselves as good citizens, in giving it on all occasions their effectual support.

It would be inconsistent with the frankness of my character not to avow that I am pleased with your favorable opinion of my administration, and fervent wishes for my felicity. May the Children of the Stock of Abraham, who dwell in this land, continue to merit and enjoy the good will of the other Inhabitants; while every one shall sit in safety under his own vine and figtree, and there shall be none to make him afraid. May the father of all mercies scatter light and not darkness in our paths, and make us all in our several vocations useful here, and in his own due time and way everlastingly happy.

G. Washington

דער בריוו פון דזשארדזש וואשינגטאן
צו די יידן אין ניופארט.

# אוריה פ. לעווי

אין דער מלחמה פון 1812 קעגן ענגלאנד, אדער ווי עס איז בעסער באקאנט — די מלחמה פון אמעריקע פאר פולער אומאפ-העננגיקייט פון ענגלאנד — האבן אויך אנטייל גענומען יידן.

מען האט צווישן די סאלדאטן און אפיצערן געקאנט זען די קינדער און אייניקלעך פון יענע יידן, וואס האבן געקעמפט קעגן ענג-לאנד פאר דער באפרייאונג פון די אמעריקאנער קאלאניעס. צווישן זיי זיינען געווען די קינדער פון שעפטאל פון דזשארדזשיא, דער זון פון חיים סאלאמאן, די אוראייניקלעך פון אשר לעווי, וואס זיינען געווען אפיצערן אין דער ארמיי.

צווישן די סאלדאטן, וואס האבן געקעמפט קעגן ענגלאנד, איז אין דער פעסטונג, וואו עס איז געשריבן געווארן דער אמעריקאנער הימן „די סטאר ספענגלד בענער", זיינען אויך געווען דרייסיק יידישע סאלדאטן.

אין דער ארמיי פון יענער צייט זיינען געווען איין סאלדאט אויף יעדע טויזנט ניט-יידישע איינוואוינערס. אין דער זעלביקער צייט איז געווען איין יידישער סאלדאט אויף יעדע הונדערט יידישע איינ-וואוינערס.

צווישן די אפיצערן, וואס האבן זיך שטארק אויסגעצייכנט אין יענע שלאכטן זיינען געווען קאפיטאן מרדכי מייערס און מאיר אברהם מאטיאס, און דער ייד פון פראנצייזישן אפשטאם, דזשאן אדראנא. באזונדערס בארימט איז געווארן אין יענער צייט אוריה פ. לעווי, געבארן אין פילאדעלפיע אין יאר 1792, וואס האט דער-גרייכט דעם העכסטן ראנג אין דער אמעריקאנער „נייווי" פון יענער צייט.

ווען אוריה פ. לעווי איז אלט געווען עלף יאר, איז ער געווארן א שיק-יינגל אויף א שיף. ער האט באדינט דעם קאפיטאן און די מאנשאפט אויף דער שיף. אין עלטער פון פערצן יאר איז ער שוין געווען א פולשטענדיקער מאטראס. ווען ער איז אלט געווארן אכצן יאר, האט ער גענומען א קורס אין דער אמעריקאנער פלאטן-שול אין פילאדעלפיע. און אין עלטער פון צוואנציק יאר איז ער שוין געווען א קאפיטאן פון א שיף.

איין מאל, ביינאכט, זיינען די מאטראסן פון זיין שיף אים



אוריה פּ. לעווי

פלוצעם באַפאַלן פון הינטן, האָבן אים פאַרבונדן די הענט און די אויגן און אים אַראָפּגעוואָרפן אויף אַן איינזאַמען אינדזל און אַנט־לאָפן מיט דער שיף. לעווי האָט באַוויזן זיך צו באַפרייען פון דעם אינדזל און קומען קיין אַמעריקע. די רעגירונג האָט אים ווידער געגעבן אַ שיף מיט מאַטראָסן. ער איז אַרויסגעפאָרן אויפן ים, אויס־געזוכט די פיראַטן, וואָס האָבן צוגערויבט זײַן שיף און זיי געבראַכט קיין אַמעריקע, וואו זיי האָבן געקראָגן זייער פאַרדינטע שטראָף.

אין דער מלחמה פון 1812 האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג אים אָנגעטרויט עטלעכע שיפן אָנצופירן די אַטאַקעס קעגן די ענגלישע קריגס־שיפן, וואָס האָבן זיך געפונען בײַ די אַמעריקאַנער ברעגעס. ער האָט אַ סך פון די ענגלישע שיפן צעשטערט. איין מאָל אָבער האָט ער באַגעגנט אַ שטאַרקע אָפּטיילונג פון ענגלישע קריגס־שיפן, און אין דער שלאַכט האָבן די ענגלענדער אים גענומען גע־פאַנגען. נאָך דער מלחמה, ווען ער איז באַפרײַט געוואָרן פון דער געפאַנגענשאַפט, האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג אים באַשטימט ווי אַ לייטענאַנט פון דעם פלאָט.

צוליב זײַנע פעיִקייטן און גרויסע פאַרדינסטן פאַר דעם אַמע־ריקאַנער פלאָט, איז ער שפּעטער דערהויבן געוואָרן צו דעם העכסטן אַמט, וואָס איז דעמאָלט געווען אין אַמעריקע — קאָמאָדאָר פון דעם אַמעריקאַנער פלאָט.

אין יענער צייט איז נאָך געווען איינגעפירט אין אַמעריקע, אַז די מאַטראָסן און אָנגעשטעלטע אויף די שיפן פלעגן ווערן קערפּערליך באַשטראָפט פאַר נאַכלעסיקייט אָדער פאַר וועלכן עס איז פאַרברעכן. לעווי האָט זייער גוט געדענקט, ווי די באַאַמטע אויף דער שיף פלעגן אים שמייסן פאַר יעדער קלייניקייט וואָס איז זיי ניט געפעלן געוואָרן. ווען ער איז געוואָרן קאָמאַדאָר פון דעם אַמעריקאַנער פלאָט האָט ער גלייך אָפּגעשאַפט קערפּערלעכע שטראָף. פון דעמאָלט אָן האָט קיין באַאַמטער אויף דער שיף ניט געטאָרט שמייסן אָדער שלאָגן קיינעם פון דער מאַנשאַפט.

איידער ער האָט געקראָגן דעם הויכן קאָמאָדאָר־אַמט אין דער אַמעריקאַנער פלאָט, האָט די בראַזיליער רעגירונג אים פאַרגעלייגט אַ הויכן אַמט אין איר פלאָט. לעווי האָט אָפּגעזאָגט דעם אָנבאָט און געענטפערט: — „איך וועל בעסער האָבן אַ קליינעם אַמט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איידער דעם העכסטן אַמט אין אַן אַנדער לאַנד".

ער איז געווען אַ נאָענטער פריינד פון ענדרו דזשעקסאָן און אַ שטאַרקער פאַרערער פון טאָמאַס דזשעפערסאָן.

אין זיין גרויסער פאַרערונג צו טאָמאַס דזשעפערסאָן האָט ער אָפּגעקויפט דזשעפערסאָנס הויז אין מאָנטיסעלאָ, וואָס איז היינט אַ נאַציאָנאַלע הייליקטום. ער איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויף זיינע הוצאות אויסגעגאָסן אַ סטאַטוע פון דזשעפערסאָן און האָט דאָס איבערגעגעבן דער אַמעריקאַנער רעגירונג. די סטאַטוע שטייט אין קעפיטאָל אין וואַשינגטאָן.

אוריה פ. לעווי איז געשטאָרבן אין יאָר 1862. אויף זיין מצבֿה איז אָנגעשריבן:

“He was the Father of the Law for the abolition of the barbarous practice of corporal punishment in the United States Navy.”

# יהודה טורא

איינער פֿון די אָנגעזעענסטע און וויכטיקסטע יִידישע פּער־זענלעכקייטן אין נײַנצנטן יאָרהונדערט אין אַמעריקע, איז געווען יהודה טוראָ, געבאָרן אין ניופּאָרט, ראָוד־אײַלאַנד, אין יאָר 1775, אין דעם טאָג ווען עס איז פֿאָרגעקומען די באַרימטע שלאַכט לעבן באַנקער־היל.

זײַן פֿאָטער, יצחק טוראָ, איז געווען דער רבֿ פֿון דער דאָרטיקער קהילה. אין דער צײַט פֿון די אומרוען האָט די משפּחה טוראָ זיך אַריבערגעקליבן קיין דזשאַמייקע, וואו דער פֿאָטער איז אין גיכן גע־שטאָרבן. די מוטער איז צוריקגעקומען קיין ניופּאָרט און זיך באַזעצט מיט אירע קליינע קינדער בײַ איר ברודער משה מיכל העיז, איינער פֿון די אָנגעזעענסטע און רײַכסטע סוחרים אין דער קאָלאָניאַלער עפּאָ־כע. אין גיכן איז אויך געשטאָרבן די מוטער.

דער אָנקל האָט איבערגענומען די אויפֿזיכט איבער די יתומים. ער האָט זיי געגעבן אַ גוטע אַלגעמיינע און יִידישע דערציאונג.

איינער פֿון די נאָענטע פֿרײַנד פֿון יהודה טוראָ איז געווען ראַ־בערט פּעין, וועמעס פֿאָטער איז געווען איינער פֿון די, וואָס האָט אונטערגעשריבן די „דעקלערײשאָן אָוו אינדעפּענדענס".

דער יונגער יהודה האָט אַרויסגעוויזן אַ סך פֿעִיקייט און מוט, און זײַן אָנקל האָט אים איבערגעגעבן צו פֿירן אַ שיף מיט סחורה אין דעם מיטל־לענדישן ים, וואו די געפֿאַר פֿון פּיראַטן איז געווען זייער גרויס. פֿראַנצייזישע פּיראַטן זײַנען באַפֿאַלן די שיף, אָבער דער יונגער טוראָ האָט אַרויסגעוויזן אַ סך מוט און געפֿירט די שיף אַזוי, אַז עס איז אים געלונגען צו פֿאַרטרײַבן די פּיראַטן און דורכצופֿירן זײַן רײַזע דערפֿאָלגרײַך. אַלע האָבן אים דערפֿאַר באַ־וואונדערט.

יהודה טוראָ און זײַן שוועסטערקינד קעטערין העיז האָבן זיך ליב געהאַט און געוואָלט חתונה האָבן, אָבער דער אָנקל איז געווען קעגן דעם שידוך. עס האָט ניט געהאָלפֿן זײַן העלדישקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אין עלטער פֿון 23 יאָר אין זײַן קאַמף מיט די פּיראַטן. דער אָנקל האָט געצוואונגען יהודה טוראָ צו פֿאַרלאָזן זײַן הויז און פֿאַרבאָטן זײַן טאָכטער זיך אַפֿילו דורכצושרײַבן מיט אים. פֿאַרן פֿאַרלאָזן דאָס הויז פֿון זײַן אָנקל, האָבן ביידע געליבטע



יהודה טורא

געשוואָרן איינער דעם אַנדערן, אַז זיי וועלן זיך אייביק ליב האָבן, און זיי האָבן געהאַלטן וואָרט —ביידע האָבן קיין מאָל ניט חתונה געהאַט.

ער איז אַלט געווען בלויז 26 יאָר, ווען ער איז אַוועק קיין ניו-אָרלינס, לואיזיאַנאַ, וואָס איז נאָך געווען דעמאָלט אַ פראַנצייזישע קאָלאָניע. דאָס איז געווען אין יאָר 1801. ער האָט פאַרמאָגט בלויז הונדערט דאָלאַר, אָבער אויפן וועג האָבן רויבערס עס ביי אים צוגענומען און ער איז געבליבן אָן אַ פעני. ער האָט געדאַרפט שווער אַרבעטן אָנצוזאַמלען אַ ביסל געלט, כּדי צו פאָרן ווייטער, קיין ניו-אָרלינס. אין ניו-אָרלינס האָט ער געעפנט אַ קליינעם געשעפט. ער האָט געקראָגן אַ נאָמען פון אַ פעיִקן און ערלעכן סוחר און דער געשעפט האָט זיך שטאַרק צעוואָקסן. מיטן וואוקס פון ניו-אָרלינס איז געוואָקסן דער פאַרמעגן פון יהודה טורא. ער איז געווען אין שטאָט זייער באַליבט פאַר זיין ערלעכקייט און גוטסקייט, און דער עיקר פאַר דעם וואָס ער איז געווען שטענדיק גרייט צו העלפן אַ נויט-באַדערפטיקן.

ער האָט באַפרייט זיין נעגער-שקלאַף, האָט אים אויסגעלערנט אַן אַרבעט און געהאָלפן אים זיך איינאָרדענען ווי אַ פרייער מענטש. ער האָט זיך אַ סך אָפגעגעבן צו העלפן באַפרייטע שקלאַפן, — צו העלפן זיי אָנהייבן אַ פריי לעבן.

אין יאָר 1823 האָט די ערשטע קאָנגרעגיישאָנאַל-קירך אין ניו-אָרלינס ניט געקאָנט באַצאָלן אירע חובֿות און די באַנק האָט באַשלאָסן צו פֿאַרקויפֿן די קירך.

ווען מען האָט די קירך געהאַלטן אין פֿאַרקויפֿן איז דאָרט אויך געווען יהודה טוראָ און ער האָט אָנגעבאָטן אַ גרויסע סומע געלט. אַ מורמל איז אַדורך צווישן דעם עולם, אַז דער ייִד וועט אָפּקויפֿן די קירך און וועט זי פֿאַרוואַנדלען אין אַן אָרט צו האַלטן זײַנע סחורות. אָבער יהודה טוראָ האָט גענומען דעם שליסל פֿון דער קירך, איז אַרויף אויף דער פּלאַטפֿאָרם און צוגערופֿן דעם גלח פֿון דער קירך, טעאָדאָר קלאַפּ, וואָס איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען דערשלאָגן און פֿאַרביטערט, ווען ער האָט געזען ווי זײַן קירך פֿאַלט אַרײַן אין די הענט פֿון דעם יידישן סוחר.

— „מײַן פֿרײַנד" — האָט טוראָ געזאָגט צו אים — „עס איז פֿאַר מיר אַ כּבֿוד איבערצוגעבן אײַך די קירך, וואָס איר וועט קאָנען ווידער נוצן ווי אײַער געבעטהויז. איר וועט ניט דאַרפֿן מער זיך זאָרגן וועגן חובֿות. איך האָב אַלץ באַצאָלט".

דער עולם איז געבליבן ווי פֿאַרשטיינערט פֿון דעם פֿײַנעם אויפֿטו און פֿון די האַרציקע רייד פֿון יהודה טוראָ צו דעם גלח. און דער גלח האָט מיט טרערן אין די אויגן געדאַנקט און געזאָגט, אַז צווישן די קריסטן אין שטאָט איז דאָ איין ייִד, און דווקא דער ייִד האָט געראַטעוועט די קריסטלעכע קירך פֿון אונטערגיין.

אין יענער צײַט האָט אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע אין ניו-אָרלינס. האָט טוראָ געעפֿנט אַ שפּיטאָל אין שטאָט צו היילן די קראַנקע. דער שפּיטאָל עקסיסטירט נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג אונטערן נאָמען „די טוראָ-האָספּיטאַל אָוו ניו-אָרלינס", וואָס איז מיט דער צײַט געוואָרן איינער פֿון די גרעסטע און מאָדערנסטע שפּיטאָלן אין גאַנץ אַמעריקע, אַ דאַנק דעם פֿאָנד וואָס טוראָ האָט איבערגעלאָזט פֿאַרן שפּיטאָל.

טוראָ איז אויך געווען דער ערשטער אין אַמעריקע, וואָס האָט געעפֿנט אַ ביבליאָטעק אין ניו-אָרלינס, וואו מענטשן זאָלן קאָנען קומען נעמען ביכער פֿרײַ אויף צו לייענען. כּדי צו דערמוטיקן סטודענטן צו לערנען, האָט ער אײַנגעפֿירט אַז דער לואיזיאַנער אוניווערסיטעט זאָל געבן אויסצייכענונגען פֿאַר לאַטײַן, גריכיש און געשיכטע פֿון אַלטערטום. ער האָט פֿאַר דעם צוועק געגעבן אַ גרויסע סומע

געלט, און ביזן היינטיקן טאָג טיילט אוים דער לואיזיאַנער אוניווערסי־
טעט גאָלדענע מעדאַלן אויפֿן נאָמען פֿון יהודה טורא צו די בעסטע
סטודענטן.

יהודה טורא איז געווען דער ערשטער ייִד אין לואיזיאַנא. ער האָט אָבער געהאַט פֿאַרבינדונגען מיט ייִדן איבערן לאַנד. עס איז ניט געווען קיין איין ייִדישע קהילה אָדער הילף־אָרגאַניזאַציע צו וועמען טורא האָט ניט געשיקט קיין הילף.

ער איז געווען דער ערשטער צו געבן אַ בײַשטײַערונג אויף צו גרינדן דעם „מאַונט־סיני"־שפּיטאָל אין ניו־יאָרק.

ווען אין ניו־אָרלינס האָבן זיך אָנגעהויבן באַזעצן ייִדן, האָט ער געקויפֿט דעם ערשטן ייִדישן בית־עולם און האָט בײַגעשטײַערט אַ גרויסע סומע געלט פֿאַר דער ערשטער ייִדישער סינאַגאָגע אין שטאָט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1828 פֿון דײַטשישע ייִדן. אין 1850 האָט ער געקויפֿט אַ זייער שיינע געבײַדע צו עפֿענען אַ סינאַגאָגע פֿאַר די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע ייִדן אין ניו־אָרלינס.

ער האָט אויך געגעבן צען טויזנט דאָלאַר, כּדי צו קאָנען פֿאַר־ענדיקן אויפֿשטעלן דעם מאָנומענט אין אָנדענק פֿון דעם קאַמף און זיג בײַ באַנקער־היל. די צווייטע צען טויזנט דאָלאַר האָט געגעבן אַ קריסט, מיטן נאָמען לאָורענס. צום אויפֿדעקן פֿון באַנקער־היל־מאָנו־מענט איז געקומען דער פּרעזידענט פֿון אַמעריקע, דזשאָן טיילער, און דער הויפּט־רעדנער איז געווען דעניעל וועבסטער. עס איז דאָרטן אויך פֿאַרגעלייענט געוואָרן די פֿאָלגנדיקע פּאָעמע:

Amos and Judah—venerated names!
Patriarch and prophet, press their equal claims,
Like generous coursers running neck in neck,
Each aids the work by giving a check.
Christian and Jew, they carry out a plan—
For though of different faith, each is in heart a man.

ער האָט אויך בײַגעשטײַערט 80,000 דאָלאַר פֿאַר אַ ספּעציעלן פֿאָנד צו העלפֿן אין ניו־אָרלינס אָרעמע, אָן אונטערשייד פֿון ראַסע, גלויבן אָדער קאָליר.

ער האָט זייער ליב געהאַט אַמעריקע. אין דער מלחמה פֿון 1812, ווען גענעראַל ענדרו דזשעקסאָן האָט אָנגעפֿירט די פּאַרטיי־

דיקונג פֿון ניו-אָרלינס קעגן די אַטאַקעס פֿון די ענגלענדער, האָט יהודה טוראָ זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי ווי אַ פּראָסטער סאָל-דאַט און ער איז געשטאַנען גאַנצע טעג און געאַרבעט צו באַפֿעס-טיקן די שטאָט. ווען די שלאַכטן האָבן זיך אָנגעהויבן איז ער גע-ווען איינער פֿון די ערשטע אין קאַמף קעגן די ענגלענדער. ער איז אין יענער שלאַכט געוואָרן זייער שווער פֿאַרוואונדעט. מען האָט געמיינט אַז ער שטאַרבט און מען האָט אים געלאָזן ליגן אויפֿן שלאַכטפֿעלד. ווען זײַן גוטער פֿרײַנד שעפֿערד האָט אים געפֿונען האָט ער געמיינט אַז ער גייט שוין אוים פֿון די שווערע וואונדן. שעפֿערד האָט אים געבראַכט צו זיך און האָט אים אויסגעהיילט. צוועלף חדשים איז טוראָ געלעגן אין בעט און זיך ניט געקאָנט באַוועגן. ער איז אָבער נאָך דעם געזונט געוואָרן און ווײַטער אָנ-געפֿירט מיט זײַנע פֿאַרצווײַגטע טעטיקייטן אין ניו-אָרלינס.

ער איז געשטאָרבן דעם 18טן יאַנואַר, 1854, אין עלטער פֿון 89 יאָר. צוויי וואָכן פֿאַר זײַן טויט האָט ער געשריבן זײַן צוואה, וואָס איז ביז הײַנט אַ היסטאָרישער דאָקומענט אין אַמעריקע. ער האָט איבערגעלאָזן אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר, וואָס איז צעטיילט געוואָרן צווישן די יידישע קהילות, שפּיטאָלן און וויכטיקע אינ-סטיטוציעס איבערן לאַנד. ער האָט אויך איבערגעלאָזן צו פֿינף טויזנט דאָלאַר פֿאַר די קריסטלעכע שפּיטאָלן און יתומים-הײַזער פֿון ניו-אָרלינס. ער האָט אויך אַריבערגעשיקט אַ גרויסע סומע געלט צו משה מאָנטעפֿיאָרע צו העלפֿן די יידן אין ארץ ישראל.

ער איז באַערדיקט געוואָרן אין ניופּאָרט, ראָוד-אײַלאַנד, אויפֿן אַלטן יידישן בית-עולם, לעבן די קבֿרים פֿון זײַן מאַמען און ברודער.

אין ניו-אָרלינס און אין ניופּאָרט זײַנען פֿאַראַן אַ ריי אינסטי-טוציעס און דענקמעלער אין אָנדענק פֿון יהודה טוראָ.

# מרדכי מנואל נח

איינער פֿון די באַקאַנטסטע פּערזענלעכקײַטן אין דעם ייִדישן לעבן פֿון אַמעריקע אין דעם נײַנצנטן יאָרהונדערט און דער ערשטער, וואָס איז געווען באַוואוסט אויך אויסער די גרענעצן פֿון אַמעריקע, איז געווען מרדכי מנואל נח, געבאָרן אין פֿילאַדעלפֿיע אין יאָר 1785.

ער איז געווען באַוואוסט ווי אַ זשורנאַליסט, דראַמאַטורג, די־פּלאָמאַט און פּאָליטיקער.

זײַן פֿאָטער איז געווען אַ סאָלדאַט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, און די מוטער, צפּורה, איז געווען די טאָכטער פֿון דעם ייִדישן פּאַטריאָט און קעמפֿער פֿאַר דער באַפֿרײַאונג פֿון אַמע־ריקע, יונה פֿיליפּס.

עס ווערט דערציילט, אַז אויף דער חתונה פֿון זײַנע עלטערן איז צווישן די אָנגעזעענע געסט אויך געווען דזשאָרדזש וואַשינגטאָן.

ווען ער איז אַלט געווען פֿיר יאָר, איז געשטאָרבן זײַן מוטער. דער טויט פֿון זײַן מוטער האָט געהאַט זייער אַ שרעקלעכע ווירקונג אויף זײַן פֿאָטער. ער איז געוואָרן צוריקגעצויגן און דערשלאָגן. אין אַ צײַט אַרום איז ער פֿאַרשוואונדן פֿון דער היים. אין עלטער פֿון פֿיר יאָר איז מרדכי מנואל נח געבליבן אַליין — אָן אַ פֿאָטער און אָן אַ מוטער.

דער זיידע, יונה פֿיליפּס, האָט אים גענומען צו זיך און זיך אָפּגעגעבן מיט זײַן דערציאונג, און אים געלערנט ייִדישע און אַלגעמיינע לימודים.

ווען ער איז נאָך געווען אַ יונג ייִנגל האָט ראָבערט מאָריס, דער דעמאָלסטדיקער קאַסירער פֿון אַמעריקע, דערזען זײַנע פֿעיִקייטן און אים אָנגעשטעלט אין דער פֿינאַנץ־אָפּטיילונג פֿון דער אַמע־ריקאַנער רעגירונג.

ווען נח איז נאָך ניט אַלט געווען קיין פֿופֿצן יאָר, האָט דער קאָנגרעס פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן באַשטימט אים צו געבן אַ מתּנה פֿון הונדערט דאָלאַר פֿאַר אויסאַרבעטן ריכטיקע טאַבעלעס פֿאַר דער הלוואה, וואָס די רעגירונג האָט דעמאָלט געמאַכט.

ווען די נאַציאָנאַלע אַמעריקאַנער רעגירונג האָט זיך איבער־געקליבן פֿון פֿילאַדעלפֿיע קיין וואַשינגטאָן, האָט מרדכי מנואל נח אויפֿגעגעבן זײַן שטעל און האָט זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט זשורנאַ־



מרדכי מנואל נח

ליסטישע טעטיקייטן. ער איז געווען דער ערשטער אַמעריקאַנער ייִד, וואָס האָט פֿאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דעם פּאָליטישן ליטעראַרישן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון אַמעריקע.

נח איז געוואָרן באַרימט ווי אַ דראַמאַטורג, און זײַנע פּיעסן האָט מען געשפּילט אין די גרויסע שטעט פֿון אַמעריקע.

ער איז געוואָרן שעריף פֿון ניו־יאָרק־קאַונטי און מאַיאָר פֿון דער ניו־יאָרק־סטייט־מיליץ. אָבער גלײַכצײַטיק האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט ייִדישע אינטערעסן און אָנטייל גענומען אין ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. ער איז געווען אַ באַאַמטער פֿון דער שארית ישׂראל־אָרגאַניזאַציע און אויך דער פּרעזידענט פֿון דעם ייִדישן צדקה־אַנשטאַלט אין ניו־יאָרק. ער האָט זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט העלפֿן אָרעמע און נויט־באַדערפֿטיקע ייִדן.

די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אים פֿאָרגעשלאָגן צו ווערן אַ קאָנסול אין ריגע, רוסלאַנד, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. ווען דער אויסערן־מיניסטער, דזשיימס מאָנראָ, האָט אים נאָך דעם פֿאָרגעלייגט צו ווערן אַמעריקאַנער קאָנסול אין טוניס און אַלזשיר האָט ער אָנגענומען.

אויף זײַן וועג איבערצונעמען דעם קאָנסול־אַמט איז ער געפֿאַנגען געוואָרן פֿון די ענגלענדער. פֿון ענגלאַנד איז ער דערנאָך געקומען קיין שפּאַניע און פֿון שפּאַניע קיין פֿראַנקרײַך.

עס ווערט דערציילט, אַז אין פֿראַנקרײַך האָט ער זיך דורך אַ צופֿאַל געטראָפֿן מיט זײַן פֿאָטער און אַז זיי האָבן זיך זייער דערפֿרייט בײַם באַגעגענען זיך.

זײַענדיק אין טונים און אין אייראָפּע, האָט ער געזען די יידישע ליידן, די יידישע אונטערדריקונג און צרות. ער איז געקומען צו דעם געדאַנק, אַז יידן מוזן האָבן אַן אייגענע טעריטאָריע. ער איז געווען פֿון די ערשטע וואָס האָבן געטרוימט פֿון אַ יידישן היימלאַנד. ער האָט געהאַלטן אַז מען דאַרף פֿאַרהאַנדלען מיטן טערקישן סולטאַן צוריק אויפֿצובויען ישׂראל פֿאַר די יידן. אָבער דערווייל האָט ער געהאַלטן אַז מען קאָן אײַנאָרדענען אַ גרויסע צאָל יידן אויף אַ זיכערן און באַקוועמען אופֿן אין אַמעריקע.

ער האָט דורך זײַנעם אַ פֿרײַנד אָפּגעקויפֿט אַ ריזיק שטיק לאַנד אויף דעם „גרענד־אינדזל”, וואָס איז דרײַצן מײַל די לענג און פֿינף מײַל די ברייט או געפֿינט זיך בײַם ניאַגאַראַ־טײַך, ניט ווײַט פֿון באָפֿאַלאָ. אָט אויף דעם אינדזל האָט נח געוואָלט אויפֿבויען אַ היים פֿאַר די אונטערדריקטע יידן פֿון אייראָפּע און אַנדערע לענדער. ער האָט וועגן דעם געשריבן צו רײַכע און אָנגעזעענע יידן איבער דער וועלט, זיי זאָלן אים העלפֿן אין זײַן אַרבעט צו פֿאַרוואַנדלען דעם „גרענד־אינדזל” אין אַ יידישער טעריטאָריע, אָבער קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופֿן.

אויף מאָרגן אין דער פֿרי, נאָך ראש־השנה, אין סעפּטעמבער 1825, איז דאָס דאָרף באָפֿאַלאָ אויפֿגעוועקט געוואָרן פֿון מוזיק און פֿון אַ פּאַראַד. עס האָבן מאַרשירט אַ סך אָנגעזעענע בירגער, מיטגלידער פֿון מאַסאָנען־לאַדזש און אַנדערע. פֿאָרויס איז געגאַנגען מרדכי מנואל נח, אָנגעטאָן אין אַ פּורפּורנעם מאַנטל פֿון אַ ריכטער, און ער האָט זיך טאַקע דערקלערט פֿאַר ריכטער און פֿירער פֿון ישׂראל. נח האָט פּראָקלאַמירט אָפֿיציעל, אַז „גרענד־אינדזל” וועט הייסן „אררט”, וואָס וועט זײַן אַ רעטונגס־אָרט פֿאַר פֿאַרפֿאָלגטע יידן. פּונקט ווי נחס קאַסטן איז געבליבן שטיין אויפֿן באַרג נאָכן מבול, אַזוי וועלן יידן זיך ראַטעווען פֿון דעם מבול צרות, וואָס זיי האָבן אין פֿיל לענדער.

שיפֿן איבערצופֿירן דעם עולם צו דעם אינדזל זײַנען ניט געווען, האָט מען זיך באַנוגנט מיט דעם וואָס מען האָט אַוועקגעמאַרשירט צו דער עפּיסקאָפּאַלישער קירך, וואו נחס פֿרײַנד, דער

גלה עדיסאָן, האָט אָפּגעריכט אַ תּפילה און געבענטשט די יידישע טעריטאָריע. נח האָט געהאַלטן אַ רעדע וועגן דער גרויסער באַדייַטונג און אויפטו פון „ארַרט" פאַר די פאַרפאָלגטע יידן. דעם ווינקלשטיין פון דעם „ארַרט" האָט מען דערוויַיל אַוועקגעלייגט אויפן אַלטאַר פון דער קירך. אויפן שטיין איז געווען אויסגעקריצט: „שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד".




**אין ענגליש:**

„ארַרט, אַ שטאָט פאַר אַנטרינונג פאַר יידן; געגרינדעט פון מרדכי מנואל נח אין חודש תּשרי, 5886, סעפּטעמבער 1825, און פופציקסטן יאָר פון דער אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט".

דער שטיין געפינט זיך היַינט אין באַפאַלער היסטאָרישן מוזיי.

דער דורכפאַל פון ארַרט האָט נחן ניט אַנטוישט. ער איז וויַיטער געווען אַקטיוו אין יידישן לעבן, ווי אויך אין דעם אַמעריקאַנער ליטעראַרישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין יאָר 1851.

# די זייגערס שטימען ניט

דאָס איז געווען אין יאָר 1812 אין נאָרט־קאַראָליַינאַ. אין דעם זאַל פון דער לעגיסלאַטור זיַינען געווען פאַרזאַמלט די נייַ־דערוויילטע פאַרטרעטערס, און דער סעקרעטאַר האָט אויסגערופן יעדנס נאָמען כּדי אים איַינצושווערן פאַר אַ מיטגליד פון דער לעגיסלאַטור.

דער סעקרעטאַר האָט אויסגערופן: — „דזשייקאָב הענרי!" אָבער עס האָט זיך מיט אַ מאָל דערהערט אַ גרילציקע שטים, וואָס

האָט אויסגעשריען: — „איך וועל ניט דערלאָזן, אַז דזשייקאָב הענרי זאָל פאַרנעמען אַן אָרט אין דער לעגיסלאַטור פון נאָרט-קאַראָליינאַ".

— „פאַרוואָס? פאַרוואָס?" — האָבן זיך געהערט קולות פון אַלע זייטן.

— „דערפאַר ווייל ער איז אַ ייד!" — האָט די שטים ווייטער געשריען — „לויט דער קאָנסטיטוציע פון אונדזער שטאַט, טאָרן קיין יידן און קאַטאָליקן ניט פאַרנעמען קיין אַמטן אין נאָרט-קאַראָליינאַ!"

אין זאַל איז געוואָרן אַ טומל. דער עולם האָט זיך דערפילט ניט באַקוועם. אָבער דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט יעקב הענרי און האָט געבעטן, אַז מ'זאָל אים לאָזן רעדן.

דער עולם האָט זיך איינגעשטילט. אַלעמענס אויגן זיינען איצט געווען געווענדט צו דער פיגור, וואָס האָט זיך שטאָלץ און זיכער דערנעענטערט צו דער פלאַטפאָרם.

— „אוודאי בין איך אַ ייד" — האָט יעקב הענרי אָנגעהויבן רעדן — „איך האָב עס קיין מאָל ניט געלייקנט און וועל עס קיין מאָל ניט לייקענען. פאַרקערט, איך בין שטאָלץ מיט דעם וואָס איך בין אַ ייד. אויך די וואָס האָבן מיך אויסגעקליבן האָבן געוואוסט, אַז איך בין אַ ייד. איך האַלט, אַז איך האָב אַ רעכט אויף מיין יידישקייט, פונקט אַזוי ווי אַט יענער אויף זיין ניט-יידישקייט. דערפאַר האָבן מיר דאָ געקעמפט, אַז מיר זאָלן האָבן אַ פריי לאַנד און יעדערער זאָל האָבן אַ רעכט צו לעבן און גלייבן ווי ער וויל. נאַריש און ברוטאַל איז יענער וואָס פאַרלאַנגט אַז אַלע מענטשן מוזן גלייבן גלייך.

„דאָס דערמאָנט מיר די מעשה וועגן דעם קיניג און די זייגערס" — האָט יעקב הענרי ווייטער געזאָגט — „עס איז אַמאָל געווען אַ מעכטיקער קיניג, וואָס האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו זייגערס. נאָך אין זיין קינדהייט פלעגט ער ליב האָבן צו שפילן זיך מיט זייגערס. ווען ער איז געוואָרן דער קיניג, האָט ער באַפוילן, אַז מ'זאָל אים ברענגען אַלערליי סאָרטן זייגערס, און זיין פּאַלאַץ איז געווען פול מיט זייגערס פון אַלערליי מאָסן און אויסזען. פון אַלע לענדער וואו מ'האָט נאָר געקענט קריגן זייגערס האָט מען זיי געבראַכט צום קיניג אין פּאַלאַץ.

דער קיניג האָט זיך אַריינגענומען אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז אַלע

זייגערס מוזן ביי אים שטימען אויף א האר. ווען עס קומט די שעה, מוזן אלע זייגערס קלינגען אקוראט צום טאקט, און ער האט דאס בשום אופן ניט געקענט דורכפירן. ער האט געבראכט די גרעסטע מעכאניקערס, ער האט זיך אפגעגעבן בלויז מיט די זייגערס. עס איז געקומען אזוי ווייט, אז ער האט איבערגעגעבן דעם טראן צו זיין זון, כדי ער זאל זיך נאך מער קענען אפגעבן מיט די זייגערס. אבער עס האט ניט געהאלפן, די זייגערס האבן ניט געשטימט.

„איין מאל איז צום קיניג געקומען זיין זון און זיך באקלאגט אויף די שוועריקייטן, וואס ער האט אין דער מלוכה. יעדערער פון די מיניסטארן האט אן אנדער מיינונג און דאס פאלק איז גאנץ אפט גארניט צופרידן מיט זיין פירונג.

„דער אלטער קיניג האט א שמייכל געטאן און האט געזאגט:

— ׳מיין זון, איך האב אמאל א סך מענטשן באשטראפט דערפאר ווייל זיי האבן ניט געוואלט איינשטימען מיט מיר. אבער איך האב א סך געלערנט פון מיינע זייגערס. מעכאנישע אינסטרומענטן קענען ניט שטימען, בפרט נאך מענטשן. ניין, מיין זון, ס׳קען ניט זיין און ס׳וועט ניט זיין, אז מענטשן זאלן אלע האבן איין געדאנק און איין גלויבן. יעדערער וועט אלע מאל קעמפן פארן רעכט צו גלייבן ווי ער וויל׳.

— „יא, מיינע פריינד, דערפאר האבן מיר געקעמפט און אויסגעקעמפט, אז אונדזער רעפובליק זאל זיין געבויט אויף דעם פרינציפ פון פרייהייט פון גלויבן. ניט איין מענטש האט זיין לעבן אוועקגעגעבן פאר דעם פרינציפ. דער פרינציפ איז מיר זייער טייער און איך וועל אים שטארק היטן״.

יעקב הענרי איז געבליבן א מיטגליד פון דער לעגיסלאטור.

# רבקה גראץ

איינע פון די מערקווערדיקסטע און אינטערעסאנטסטע יידישע פרויען פון נייַנצנטן יארהונדערט אין אמעריקע איז געווען רבקה גראץ, א טאכטער פון מיכאל גראץ, א יידישער אימיגראנט פון דייטשלאנד, וואס איז געקומען קיין אמעריקע אין יאר 1759, און געווארן איינער פון די אנגעזעענסטע סוחרים אין פענסילוויינע. ער איז געווען איינער פון די וואס האבן אונטערגעשריבן די בארימטע רעזאלוציע ניט צו אימפארטירן סחורות פון ענגלאנד.



**רבֿקה גראַץ**

רבֿקה גראַץ האָט געקראָגן אַ זייער גוטע אַלגעמיינע און ייִדישע דערציאונג. זי איז געווען שיין, רײַך און אָנגעזען אין פֿילאַדעלפֿיע. זי האָט איר גאַנץ לעבן געווידמעט צו העלפֿן אַנדערע, די וואָס האָבן געדאַרפֿט הילף. ספּעציעל האָט זי זיך אָפּגעגעבן מיט העלפֿן אָרעמע מאַמעס און קינדער.

זי האָט געגרינדעט דאָס ערשטע יתומים-הויז אין פֿילאַדעלפֿיע און איז פֿערציק יאָר געווען די פֿירערין פֿון דער אינסטיטוציע. זי איז געווען איינע פֿון די ערשטע, וואָס האָט אָנגעהויבן אַ באַוועגונג אין אַמעריקע, אַז ייִדישע קינדער דאַרפֿן אויסער אַן אַלגעמיינער בילדונג אויך קריגן אַ ייִדישע דערציאונג. האָט זי פֿאַר דעם צוועק געגרינדעט אַ ריי זונטיק-שולן צו באַקענען די קינדער מיט ייִדישע לימודים.

צו איין און צוואַנציק יאָר האָט זי אָרגאַניזירט אַ פֿרויען-אָרגאַניזאַציע אין פֿילאַדעלפֿיע צו העלפֿן אָרעמע מאַמעס און קינדער, ספּעציעל אַלמנות און יתומים, און אויך אַרויסצוהעלפֿן אָרעמע קראַנקע אין זייערע היימען.

זי איז געווען באַליבט בײַ אַלע טיילן פֿון דער באַפֿעלקערונג אין שטאָט.

זי האָט קיין מאָל ניט חתונה געהאַט, דערפֿאַר ווײַל אין איר האָט זיך פֿאַרליבט אַן אָנגעזעענער קריסטלעכער יונגערמאַן, און זי

האָט מיט אים ניט חתונה געהאַט, ווײַל זי איז געווען אַ געטרײַע ייִדישע טאָכטער און ניט געהאַלטן פֿון געמישטע חתונות.

איינער פֿון אירע בעסטע פֿרײַנד איז געווען דער באַרימטער אַמעריקאַנער שרײַבער וואַשינגטאָן אירווינג. ווען וואַשינגטאָן אירווינג האָט באַזוכט ענגלאַנד און זיך געטראָפֿן מיטן שרײַבער וואָלטער סקאָט, האָט ער פֿאַר אים געשילדערט דאָס ייִדיש מיידל רבֿקה גראַץ, איר איבערגעגעבנקייט צום ייִדישן פֿאָלק און איר גוטס-קייט צו העלפֿן אַנדערע מענטשן.

סער וואָלטער סקאָט האָט אָנגעשריבן אַ בוך מיטן נאָמען „אײַוואַנהאָ", וואו ער שילדערט אָט אַזאַ כאַראַקטער פֿון אַ ייִדיש מיידל, טאַקע מיטן נאָמען רבֿקה.

זי איז געשטאָרבן אין פֿילאַדעלפֿיע אין יאָר 1869. ביזן לעצטן טאָג פֿון איר לעבן איז זי געווען טעטיק אין איר הילפֿס-אַרבעט.

# די אײַנוואַנדערונג פֿון די דײַטשישע ייִדן אין אַמעריקע

דער נײַנצנטער יאָרהונדערט האָט געבראַכט גרויסע ענדערונגען אין דעם עקאָנאָמישן לעבן און אויפֿשטײַג פֿון אַמעריקע.

אַמעריקע איז ריזיק געוואַקסן פֿון אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפֿיק. די צאָל שטאַטן האָבן זיך געמערט.

נאָך דער מלחמה מיט ענגלאַנד אין 1812, איז אויפֿגעקומען אַ שטאַרקע פֿאָדערונג אין לאַנד, אַז די רעגירונג זאָל פֿאַרבעסערן דעם פֿאַרקער צווישן די פֿאַרשיידענע טיילן פֿון לאַנד, כּדי צו קאָנען זיכערער און שטאַרקער אויפֿהאַלטן די נאַציאָנאַלע איינהייט פֿון דער יוניאָן. אין יענער צײַט זײַנען אויפֿגעקומען אַ ריי נײַע שטאַטן אין דעם מערבֿ-טייל פֿון לאַנד, און עס איז נייטיק געווען אַ בעסערער און ביליקער פֿאַרקער, סײַ פֿאַר די מאַסן אויסוואַנדערערס פֿון די מזרח- צו די מערבֿ-שטאַטן, און סײַ פֿאַר דעם האַנדלס-פֿאַר-קער צווישן די שטאַטן פֿון מזרח און מערבֿ.

אין דער צײַט פֿון די פּאָליטישע קריזיסן אין דײַטשלאַנד, נאָך די נאַפּאָלעאָנישע מפּלות און נאָך דער גרינדונג פֿון „הייליקן בונד" אין 1815, האָט מען אָנגעהויבן צונעמען דאָס ביסל פֿרײַהייט, וואָס

די דײַטשישע ייִדן האָבן דאָרט געהאַט. יענע ייִדן, וואָס האָבן זיך שוין מער ניט געקאָנט צופּאַסן צו דעם נײַעם רעאַקציאָנערן רעזשים, און וואָס זײַנען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פֿון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, האָבן פֿאַרלאָזן די דײַטשישע לענדער און זײַנען געקומען קיין אַמעריקע.

דער צווייטער שטראָם פֿון דײַטשיש-ייִדישער אימיגראַציע קיין אַמעריקע איז פֿאָרגעקומען נאָך דער רעוואָלוציע אין דײַטשלאַנד אין 1848. די דײַטשישע ייִדן קומען אין די מערבֿ-שטאַטן, און אַיבער דער גאַנצער לענג פֿון אַמעריקע קומען אויף אין יענע יאָרן נײַע ייִדישע ישובֿים.

דער ייִדישער ישובֿ אין אַמעריקע איז געוואַקסן פֿון פֿיר טויזנט אין 1815, ביז פֿופֿציק טויזנט אין 1850. און אין משך פֿון די צען יאָר, צווישן 1850 און 1860, איז דער ייִדישער ישובֿ אין אַמעריקע פֿאַרגרעסערט געוואָרן אויף הונדערט און פֿופֿציק טויזנט ייִדן. עס האָט זיך געענדיקט די עפּאָכע פֿון ספֿרדישע ייִדן און עס האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָכע פֿון דײַטשישע ייִדן.

די דײַטשישע ייִדן, וואָס זײַנען אַוועק זיך אײַנאָרדענען אויף דער פּראָווינץ האָבן זיך פֿאַרנומען מיט פּעדלערײַ און קליין-האַנדל.

אָט די פּעדלערס און קליין-הענדלערס זײַנען געווען די פּיִאָנערן, וואָס האָבן געשאַפֿן די ערשטע ייִדישע ישובֿים אויף דער פּראָווינץ.

די אימיגראַציע פֿון די דײַטשישע ייִדן האָט זיך אָנגעהויבן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב, ווען די רעפּובליק איז נאָך געווען יונג. די באַפֿעלקערונג איז געוואַקסן שנעל און ראַשיק און עס האָבן זיך געשאַפֿן גרויסע מעגלעכקייטן פֿאַר האַנדל און מאַנופֿאַקטור.

די פֿאַרמערס פֿלעגן זעלטן פֿאַרלאָזן זייערע ערטער צו קומען אין דער גרויסער שטאָט. דער פּעדלער הייבט אָן פֿאַרנעמען אַ גרויס אָרט אין דעם פֿאַרמערס לעבן. דער פּעדלער שטעלט אים צו די פּראָדוקטן אין וועלכע ער נייטיקט זיך, און גלײַכצײַטיק קויפֿט ער אָפּ די פּראָדוקטן אין וועלכע ער, דער פֿאַרמער, נייטיקט זיך ניט.

דער פֿאַרמער האָט דעם פּעדלער אויפֿגענומען פֿרײַנדלעך און אים אויך געצאָלט אַ גוטן פּרייַז פֿאַר זײַנע סחורות.

זייער אָפֿט פֿלעגט דער פּעדלער עפֿענען אַ קרעמל אין אַ צענטראַלן פּונקט, וואו די פֿאַרמערס פֿלעגן קומען קויפֿן און פֿאַרקויפֿן.

אָפּט פּלעגט די ווײַב אַכטונג געבן אויפֿן קרעמל און דער מאַן פּלעגט זיך אַרויסלאָזן איבער די פֿאַרמס מיט זײַן סחורה.

די דײַטשישע יידן זײַנען אויך געווען גוטע האַנטווערקערס, פּלײַ-סיקע און טיכטיקע אַרבעטער און מעכאַניקערס. מען האָט געעפֿנט פֿאַבריקלעך פֿון מעבל, קליידער, פֿאַרם-געצײַג און אַנדערע נייטיקע פּראָדוקטן. פֿון די פּעדלערס און קרעמערלעך זײַנען אַרויסגעקומען די גרויסע סוחרים און אייגנטימערס פֿון גרויסע „דעפּאַרטמענט-סטאָרס". פֿון די קליינע פֿאַבריקלעך זײַנען אַרויסגעקומען די גרויסע פֿאַבריקאַנטן און פּראָדוצירערס.

צוזאַמען מיט זייער עקאָנאָמישן אויפֿשטײַג איז אויך געשטיגן זייער אָנזען אין אַלגעמיינעם און פּאָליטישן לעבן אין זייער שטאָט.

אין יאָר 1840 זײַנען צום ערשטן מאָל די יידן פֿון אַמעריקע אַרויסגעטראָטן עפֿנטלעך צו העלפֿן יידן אויף יענער זײַט ים. די יידן פֿון אַמעריקע האָבן אָפּגעהאַלטן אַ ריי פּראָטעסט-פֿאַרזאַמ-לונגען קעגן דעם בלוט-בילבול אין דמשק, און דורך אַ דעלעגאַציע געווירקט אויף פּרעזידענט מאַרטין וואַן ביורען, אַז ער זאָל זיך אַרײַנ-מישן צו העלפֿן באַפֿרײַען די אומשולדיקע יידן אין דמשק.

די יידן אין אַמעריקע האָבן אין יאָר 1858 אָפּגעהאַלטן פּראָטעסט-מיטינגען קעגן דעם צוואַנג-שמד פֿון דעם ייִנגל, עדגאַר מאַרטאַראַ, וואָס די קאַטוילישע קירך אין רוים האָט מיט גוואַלד אַוועקגענומען פֿון זײַנע עלטערן און געשמדט. אויף דעם פֿאַרלאַנג פֿון די אַמעריקאַ-נער יידן, האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג זיך אָנגעשלאָסן אין דעם פּראָטעסט און געפֿאָדערט אַז מען זאָל דעם ייִנגל באַפֿרײַען און אים אומקערן צו זײַנע עלטערן.

ערבֿ דעם בירגער-קריג זײַנען אין אַמעריקע געווען אַרום הונ-דערט טויזנט יידן. אין קאַמף פֿאַר דער באַפֿרײַאונג פֿון די שקלאַפֿן האָבן אָנטייל גענומען אַ סך יידן.

ווען דער רבֿ ראַפֿאַל האָט אין אַ רעדע אין ניו-יאָרק פֿאַרטיי-דיקט שקלאַפֿערײַ, זײַנען קעגן אים אַרויסגעטראָטן רבנים איבערן גאַנצן לאַנד, באַזונדער דער רבֿ דוד איינהאָרן פֿון באַלטימאָר, וואָס האָט געהאַלטן פֿײַערדיקע רעדעס קעגן שלאַפֿערײַ. דער פּוילישער ייִד, מיכאל אַלפּערן, האָט געשריבן אַרטיקלען אין „טריביון" קעגן שקלאַפֿערײַ. די אַרטיקלען זײַנען געוואָרן איבערגעדרוקט אין אַ סך צײַטונגען איבערן לאַנד.

נאָך איידער דער בירגער־קריג האָט זיך אָנגעהויבן, זײַנען שוין אין קענזעס, וואו עס זײַנען געווען טעטיק דזשאָן בראַון און זײַנע זין, פֿאָרגעקומען זייער אָפֿט אָנפֿאַלן אויף די שקלאַפֿן־הענדלערס.

עס זײַנען דעמאָלט פֿאָרגעקומען זייער אָפֿטע אָנפֿאַלן פֿון די שקלאַפֿן־הענדלערס אויף די אַבאָליציאָניסטן — די קעמפֿערס פֿאַר דער באַפֿרײַאונג פֿון די שקלאַפֿן. דעמאָלט האָט דזשאָן בראַון אָרגאַניזירט גרופּעס צו פֿאַרטיידיקן די אַבאָליציאָניסטן קעגן די אָנפֿאַלן פֿון די שקלאַפֿן־הענדלערס.

אין יענע גרופּעס זײַנען געווען דרײַ יידישע אימיגראַנטן: א. באָנדי פֿון ווין, יעקבֿ בנימין פֿון טשעכיע און טעדי ווײַנער פֿון פּוילן.

טעדי ווײַנער איז געווען איינער פֿון אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָבן אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון דזשאָן בראַון פֿאַרטריבן די שקלאַפֿן־הענדלערס פֿון לאָרענס, קענזעס.

ווען דער בירגער־קריג האָט זיך אָנגעהויבן, איז דער ייִד, א. באָנדי, מיטהעלפֿער פֿון דזשאָן בראַון, געוואָרן דער פֿירער פֿון אַ קאָמפּאַניע סאָלדאַטן פֿון דער יוניאָן־אַרמיי.

# אין לינקאָלנס צײַטן

די שווייצאַרישע רעפּובליק איז איצט איינע פֿון די פֿרײַסטע און דעמאָקראַטישסטע לענדער אין אייראָפּע.

עס איז אָבער געווען אַ צײַט, ווען ייִדן האָבן ניט געטאָרט וואוינען אין דער שווייץ.

האָט געטראָפֿן — אין דער צײַט ווען אייבראַהעם לינקאָלן איז געווען דער פּרעזידענט פֿון אַמעריקע — אַז אַן אַמעריקאַנער ייִד איז געקומען האַנדלען אין דער שווייץ. די שווייצאַרישע רעגירונג האָט אים גלײַך געהייסן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווײַל ער איז אַ ייִד, און אַ ייִד טאָר — לויט די געזעצן פֿון לאַנד — דאַרטן זיך ניט געפֿינען.

עס האָט ניט געהאָלפֿן דער פּראָטעסט פֿון אַמעריקאַנער קאָנסול, זײַן טענה, אַז פֿאַר דער אַמעריקאַנער רעגירונג זײַנען אַלע בירגער גלײַך און דעריבער מוזן אַמעריקאַנער ייִדן אין יעדן לאַנד באַהאַנדלט ווערן אַזוי ווי יעדער אַמעריקאַנער בירגער.

דער ייִד האָט געמוזט פֿאָרן צוריק קיין אַמעריקע.



## אייברעהעם לינקאָלן

האָט אַ דעלעגאַציע פֿון ייִדישע פֿירערס אין אַמעריקע באַזוכט דעם אויסערן מיניסטער סטואַרד (סעקרעטערי אָוו סטייט) און געפֿאָדערט, אַז אַמעריקע זאָל צווינגען די שווייצאַרישע רעגירונג אָפּצוהיטן דאָס רעכט פֿון די אַמעריקאַנער ייִדן ווען זיי קומען אין איר לאַנד.

דער אויסערן-מיניסטער האָט דערקלערט דער דעלעגאַציע, אַז אַמעריקע קען ניט צווינגען קיין צווייט לאַנד צו געבן ייִדן גלײַכע רעכט, אַפֿילו ווען זיי זײַנען אירע בירגער, און ער קען דעריבער גאָרנישט ניט טאָן. די ייִדישע דעלעגאַציע איז געווען זייער אומצופֿרידן מיט דעם ענטפֿער און האָט פֿאַרלאַנגט, אַז אַמעריקע זאָל באַשטיין אויף דער פֿולער רעכט און פּראָטעקציע פֿון אַלע אירע בירגער.

ווען אייברעהעם לינקאָלן האָט דערהערט די מעשׂה, אַז די שווייץ האָט אַרויסגעשיקט אַן אַמעריקאַנער בירגער פֿון איר לאַנד בלויז דערפֿאַר ווײַל ער איז אַ ייִד, האָט עס אים זייער פֿאַרדראָסן און ער האָט פֿאַרלאַנגט, אַז דער אויסערן-מיניסטער סטואַרד זאָל שיקן אַ שאַרפֿן פּראָטעסט צו דער שווייץ פֿאַר דיסקרימינירן קעגן אַמעריקאַנער בירגער, נאָר צוליב דעם וואָס זיי זײַנען ייִדן.

סטואַרד האָט געענטפֿערט, אַז דער פֿריִערדיקער פּרעזידענט ביוקענען האָט שוין געשיקט אַ פּראָטעסט וועגן דעם צו דער שווייצאַרישער רעגירונג, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפֿן.

— „הייסט עס" — האָט לינקאָלן געזאָגט — „אַז אַן אַמערי־קאַנער ייִד טאָר ניט קומען אין דער שווייץ, אָבער אַן אַמעריקאַנער קאָנסול מעג יע וואוינען אין דער שווייץ?"

— „געווים קען אַן אַמעריקאַנער קאָנסול וואוינען אין דער שווייץ, ווײַל שווייץ האָט קאָנסולן אין אַ ריי שטעט פֿון אַמעריקע", — האָט געענטפֿערט סטוארד.

— „אויב אַזוי, זאָל אַ ייִד ווערן דער אַמעריקאַנער קאָנסול אין דער שטאָט בערן פֿון דער שווייץ" — האָט לינקאָלן געזאָגט — „און לאָמיר טאַקע זען צי זיי וועלן ניט אַרײַנלאָזן דאָרטן קיין אַמע־ריקאַנער קאָנסול".

אַזוי איז דער ייִד בערנאַים געוואָרן דער ערשטער אַמעריקאַ־נער קאָנסול אין דער גרויסער שווייצאַרישער שטאָט בערן. מיטן באַשטימען אַ ייִדן ווי אַן אַמעריקאַנער קאָנסול אין דער שווייץ, האָט אַמעריקע איר געצוואונגען צו בײַטן די קאָנסטיטוציע אין יאָר 1865, און פֿון דעמאָלט אָן האָבן אַלע מענטשן אָן אונטערשייד פֿון ראַסע, גלויבן און קאָליר דאָס רעכט צו וואוינען און לעבן אין דער שווייצאַרישער רעפּובליק.

אין דער צײַט פֿון בירגער־קריג זײַנען דאָ געווען אַרום צוויי הונדערט טויזנט ייִדן. איבער זעקס טויזנט ייִדן זײַנען געווען אין דער יוניאָן־אַרמיי אין קאַמף צו באַפֿרײַען די שקלאַפֿן. אין דער יוניאָן־אַרמיי זײַנען געווען פֿיר ייִדישע גענעראַלן, 728 ייִדישע אָפֿיצירן. דער גענעראַל נעפּלער פֿון דער יוניאָן־אַרמיי איז געווען אַ ייִדישער אימיגראַנט פֿון אונגאַרן.

אין דעם בירגער־קריג זײַנען געהרגעט געוואָרן 336 ייִדישע סאָלדאַטן; 316 ייִדישע סאָלדאַטן זײַנען פֿאַרוואונדעט געוואָרן.

אין יענע צײַטן האָבן די ייִדן געמוזט אויסשטיין גרויסע צרות פֿון די מורן אין טאַנזשיר. ווען לינקאָלן האָט זיך דערפֿון דערוואוסט, האָט עס אים זייער פֿאַרדראָסן פֿאַר וואָס מענטשן זאָלן לײַדן צוליב זייער ראַסע אָדער רעליגיע. דעם נײַנצנטן דעצעמבער, 1863, האָט לינקאָלן טעלעגראַפֿירט דעם אַמעריקאַנער קאָנסול אין טאַנזשיר, ער זאָל טאָן אַלץ וואָס איז נאָר אין זײַן מאַכט אָפּצושטעלן די מער־דערײַען אויף די ייִדן אין דער מורישער אימפּעריע. באַזונדערס זאָל ער פּראָטעסטירן פֿאַר וואָס מען רודפֿט מענטשן צוליב זייער גלויבן.

# קאָמפּאַניע „סי"

דעם 6טן יולי, 1862, האָט פּרעזידענט לינקאָלן אַרויסגעלאָזט אַ רוף נאָך דרײַ הונדערט וואָלונטירן. דער אָפּרוף איז אין אָנהייב אויפֿגענומען געוואָרן זייער שוואַך.

אין שיקאַגאָ האָבן אין יענער צײַט געלעבט אַרום טויזנט ייִדן. ווען די ייִדישע פּירערס פֿון שיקאַגאָ האָבן געלייענט דעם רוף פֿון פּרעזידענט לינקאָלן, האָבן זיי צונויפֿגערופֿן אַלע ייִדן און זיי געזאָגט, אַז די ייִדן פֿון שיקאַגאָ מוזן ענטפֿערן אויפֿן רוף פֿון פּרעזידענט.

אין משך פֿון צוויי טעג האָבן וואָלונטירט איבער הונדערט ייִדן. מער ווי צען פּראָצענט פֿון דער גאַנצער ייִדישער באַפֿעלקערונג. אויך האָבן די ייִדן אין משך פֿון די צוויי טעג בײַגעשטײַערט עלף טויזנט דאָלאַר און געגעבן יעדן ייִדישן וואָלונטיר אַ מתּנה פֿון הונ־דערט דאָלאַר.

די ייִדן האָבן צונויפֿגעשטעלט אַן אייגענע אָפּטיילונג אין דעם 82סטן רעגימענט פֿון אילינאָי. דאָס איז געווען די „קאָמפּאַני סי", וואו אַלע סאָלדאַטן זײַנען דאָרטן געווען ייִדן. דער לייטענאַנט־קוירנעל פֿון דעם 82סטן רעגימענט איז געווען אַ ייִד מיטן נאָמען עדוואַרד סאַלאָמאָן. ער האָט זיך זייער שטאַרק אויסגעצייכנט בײַ די שלאַכטן פֿון געטיסבורג און לינקאָלן האָט אים דערהויבן צום ראַנג פֿון בריגאַדיר־גענעראַל.

די „שיקאַגאָ טריביון" האָט דעמאָלט אין אַן אַרטיקל געשריבן, אַז דאָס וואָס די ייִדן האָבן באַוויזן צו טאָן אין שיקאַגאָ אין אַ פּאָר טעג, דאַרף זײַן אַ בײַשפּיל און אַן אינספּיראַציע פֿאַרן גאַנצן לאַנד און באַזונדערס פֿאַר יענע, וואָס ווילן אמת און אויפֿריכטיק קעמפֿן פֿאַר דער באַפֿרײַאונג פֿון די שקלאַפֿן און גאַנצקייט פֿון דער יוניאָן.

אין דער יוניאָן־אַרמיי זײַנען געווען איבער זעקס טויזנט ייִדן — דער גרעסטער פּראָצענט אין פֿאַרגלײַך מיט אַלע אַנדערע נאַ־ציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן דעמאָלט צוזאַמענגעשטעלט די באַפֿעל־קערונג פֿון דער יוניאָן.

עס זײַנען אויך געווען ייִדן, וואָס האָבן פֿאַרנומען הויכע אַמטן אין דער יוניאָן־אַרמיי. דער ייִדישער גענעראַל ל. ס. ניומאַן איז פֿאַרוואונדעט געוואָרן אין אַ שלאַכט און איז געשטאָרבן. לינקאָלן

איז געשטאַנען לעבן זײַן בעט בעת ער האָט אַרויסגעלאָזט זײַן לעצטן אָטעם.

צווישן די סאָלדאַטן פֿון דער יוניאָן־אַרמיי, וואָס האָבן געקראָגן מעדאַלן פֿאַר העלדישקייט, זײַנען געווען זיבן ייִדן: אַבֿרהם קאָהען, הענרי העלער, אַבֿרהם גרינוואַלד, ל. קאַרפּעלס, דוד אַבראַמסקי, יצחק גאַנז און וואָלף דורסט.

* * *

## לינקאָלן און אַ ייִדישער סאָלדאַט

עס איז שוין געווען פֿאַרנאַכט ווען דוד לעווי, אַ ייִדישער סאָלדאַט פֿון דער פּאָטאָמאַק־אַרמיי, האָט געקראָגן אַ בריוול פֿון דער היים, אַז זײַן מאַמע איז זייער געפֿערלעך קראַנק און אַז איר לעצטער וואונטש איז אים צו זען און אים בענטשן איידער זי שטאַרבט.

דוד לעווי האָט זײַן מאַמען זייער ליב געהאַט, און איצט, לייענענדיק די ווערטער, האָט ער געפֿילט ווי אַלץ האָט אָנגעהויבן שווינדלען פֿאַר זײַנע אויגן און טרערן שטיקן אים אין האַלדז. ער האָט זיך אָבער באַלד קאָנטראָלירט און מיטן בריוו אין האַנט איז ער אַוועק בעטן אַ דערלויבעניש צו גיין זען די מוטער.

דער קאָמאַנדיר, אויסהערנדיק זײַן פֿאַרלאַנג, האָט געזאָגט: — „איך פֿאַרשטיי דײַנע געפֿילן, סאָלדאַט, אָבער איצט איז מלחמה און אין מלחמה שפּילן געפֿילן ניט קיין ראָלע. גענעראַל מעקלעלען איז איצט אין אַ ביטערן קאַמף קעגן דער קאָנפֿעדעראַציע־אַרמיי פֿון ריטשמאָנד. עס קען זײַן, אַז מיר זאָלן גאָר אין גיכן דאַרפֿן פֿאַר־טיידיקן וואַשינגטאָן. ניין, סאָלדאַט, אין אַזעלכע צײַטן מוז יעדער זײַן אויף זײַן פּאָסטן. עס טוט מיר לייד, אָבער קיין דערלויבעניש וועסטו ניט קריגן, פֿאַרשטייסט, סאָלדאַט״?

יע, דוד לעווי האָט פֿאַרשטאַנען. ער איז אַ פֿרײַוויליקער אַרײַן אין דער אַרמיי צו קעמפֿן פֿאַר דער באַפֿרײַאונג פֿון די שקלאַפֿן. ער איז אַלע מאָל געווען אַ גוטער און בראַווער סאָלדאַט, אָבער זײַן מאַמע... זי איז אַזאַ גוטע, אַזאַ צאַרטע. ער וואָלט כאָטש נאָך איין מאָל געוואָלט נעמען אירע הענט און זאָגן פּונקט ווי דעמאָלט ווען ער איז אַוועק אין דער אַרמיי: — „מאַמע, זאָרג ניט, איך וועל

צוריק קומען אַ געזונטער און מיר וועלן זיך אַלע פֿרייען". זי האָט דעמאָלט געוואָלט וויינען, אָבער זי האָט ניט געוויינט. ער האָט געזען ווי טרערן האָבן איר געשטיקט אין האַלדז. אָבער זי האָט ניט געוויינט. יע, זײַן מאַמע איז אויך אַ בראַווע. אַך, ווי ער וואָלט געוואָלט זי איצט זען און זאָגן: — „מאַמע, זאָרג ניט, דו וועסט נאָך געזונט ווערן און מיר וועלן זיך אַלע פֿרייען". אָבער איצט שטאַרבט זי און ער וועט זי שוין מער ניט זען...

אַזוי טראַכטנדיק האָט ער זיך אַרויסגעשאַרט פֿון מיליטערישן לאַגער אויפֿן פֿרײַען פֿעלד. פֿון פֿעלד איז ער אַרײַן אין וואַלד, און אַזוי איז ער אַ גאַנצע נאַכט געגאַנגען איבער וועלדער און פֿעלדער. ווען ער איז אויף מאָרגן אַרײַנגעקומען אין דער היים אַ מידער און אַ הונגעריקער, האָט ער געטראָפֿן ווי זײַן פֿאַמיליע האָט אין גרויס טרויער זיך געגרייט צו דער לויה פֿון זײַן מוטער. ער האָט באַוויזן אַ קוק צו טאָן אויף איר טויטן פּנים און באַגלייטן זי צו איר אייביקער רו.

נאָך דעם זעלביקן טאָג האָט מען אים אַרעסטירט ווי אַ דעזער־טיר פֿון דער אַרמיי, און מיט קייטלעך אויף די הענט האָט מען אים אין אָוונט צוריקגעבראַכט אין דער קוואַרטיר פֿון דער פּאָטאָמאַק־אַרמיי. אויף מאָרגן איז ער געשטאַנען פֿאַר אַ מיליטערישן געריכט. אַלע טענות פֿון דעם סאָלדאַט, אַז ער איז פֿון דער אַרמיי ניט אַנט־לאָפֿן, אַז ער איז בלויז געגאַנגען אַ קוק טאָן אויף זײַן שטאַרבנדיקער מוטער, אַז מען זאָל אַ קוק טאָן דעם גוטן רעקאָרד וואָס ער האָט אין דער אַרמיי, האָבן ניט געהאָלפֿן. ער איז פֿאַראורטיילט גע־וואָרן צום טויט. דער אורטייל זאָל ווערן אויסגעפֿירט בײַ זונ־אויפֿגאַנג.

עס איז געווען שפּעט אין אָוונט, ווען שמעון וואָלף, אַ ייִדישער פֿירער אין וואַשינגטאָן, האָט דערהערט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין טיר. ער האָט געעפֿנט די טיר, און אַ פֿרעמדער האָט אין גרויס אויפֿ־רעגונג געזאָגט: — „מר. וואָלף, מען האָט הײַנט מײַנעם אַ פֿרײַנד, אַ ייִדישן סאָלדאַט, פֿאַרמשפּט צום טויט. ער איז אומשולדיק. לייענט דעם בריוו וועט איר אַלץ וויסן. ראַטעוועט אַ בראַוון און אײדעלן סאָלדאַט פֿון טויט. טוט אַלץ וואָס איר קענט".

שמעון וואָלף איז גלײַך אַוועק צו זײַן פֿרײַנד, טאָמאַס קאָר־ווין, קאָנגרעסמאַן פֿון אָהײַאָ, אים דערציילט די פּאַסירונג, און

אים געבעטן, אַזוי ווי ער איז אַ נאָענטער פֿרײַנד פֿון דעם פּרעזי־דענט, זאָל ער גיין מיט אים צום פּרעזידענט און אים בעטן צו ראַטעווען דעם סאָלדאַט פֿון טויט.

— „מײַן פֿרײַנד" — האָט געזאָגט קאָרווין — „ס'איז דאָך שוין אין מיטן נאַכט, דער פּרעזידענט שלאָפֿט שוין געוויס. מיר וועלן וואַרטן ביז אין דער פֿרי".

— „מאָרגן אין דער פֿרי וועט שוין זײַן צו שפּעט" — האָט געענטפֿערט שמעון וואָלף — „דער פּרעזידענט האָט אַן איידעלע נשמה, ער וועט פֿאַרשטיין, אַז ווען איינער לויפֿט זען זײַן שטאַרבנ־דיקע מוטער איז ער ניט קיין דעזערטיר. קום, מײַן פֿרײַנד, איך בעט דיך. מיר גייען טאָן אַ גרויסע און גערעכטע זאַך".

עס איז געווען צוויי אַ זייגער אין מיטן נאַכט, ווען לינקאָלן האָט זיי אויפֿגענומען. אויסהערנדיק זייער פֿאַרלאַנג, האָט לינקאָלן געזאָגט:

— „אוממעגלעך, מײַנע פֿרײַנד. עס טוט מיר זייער לייד, איך קען גאָרניט טאָן. הײַנט בײַטאָג איז בײַ מיר געווען דער קריגס־מיניסטער סטענטאָן און האָט מיך געוואָרנט, אַז אויב איך וועל באַ־גנעדיקן נאָך איין סאָלדאַט וועט ער רעזיגנירן. מיר פֿירן איצט אַ מלחמה, און מיר מוזן האָבן דיסציפּלין אין דער אַרמיי".

— „מר. פּרעזידענט" — האָט געזאָגט וואָלף — „דערלויבט מיר אײַך צו שטעלן אַ פֿראַגע. ווי וואָלט איר געהאַנדלט ווען איר קריגט אַ בריוו, אַז אײַער מאַמע וויל אײַך זען, איידער זי שטאַרבט?"

לינקאָלן האָט אַ קוק געטאָן אויף וואָלפֿן, אים גאָרניט געענטפֿערט, נאָר האָט גלײַך אַרײַנגערופֿן זײַן סעקרעטאַר און געהייסן שיקן אַ באַפֿעל צום קאָמאַנדיר פֿון דער פּאָטאָמאַק־אַרמיי, אַז ער זאָל גלײַך באַפֿרײַען דעם סאָלדאַט דוד לעווי.

מיט עטלעכע מאָנאַטן שפּעטער האָט אַן אָפּטיילונג פֿון דער פּאָטאָמאַק־אַרמיי באַגעגנט אַן אָפּטיילונג פֿון דער קאָנפֿעדעראַציע־אַרמיי, וואָס איז געגאַנגען אויף וואַשינגטאָן. צווישן די ביידע אַרמייען איז פֿאָרגעקומען אַ ביטערע שלאַכט. עס האָט אויסגעזען, אַז די קאָנפֿעדעראַציע־אַרמיי וועט זיגן. דער פֿירער און פֿאָנען־טרעגער פֿון דער יוניאָן־אַרמיי זײַנען ביידע געפֿאַלן, און די סאָלדאַטן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו רוקן אויף צוריק.

פלוצעם איז צוגעלאָפֿן דער יונגער יידישער סאָלדאַט דוד לעווי, האָט אויפֿגעהויבן אין דער הויך די געפֿאַלענע פֿאָן, און מיט גרויס באַגייסטערונג אָנגעהויבן שרײַען: — „ברידער, פֿאָרויס! לאָזט דעם שׂונא ניט גיין אויף וואַשינגטאָן!" ער איז געלאָפֿן פֿאָרויס, און דאָס בלוט פֿון זײַן האַרץ האָט זיך צונויפֿגעמישט מיט די פֿאַרבן פֿון דער פֿאָן.

ווען לינקאָלן האָט געקראָגן דעם באַריכט פֿון יענער שלאַכט, האָט ער אויפֿגעהויבן די הענט און געזאָגט: — „איך דאַנק גאָט, וואָס איך האָב געראַטעוועט דאָס לעבן פֿון אַזאַ העלד, כּדי ער זאָל קענען מיט זײַן לעבן אויפֿטאָן אַזאַ גרויסע זאַך פֿאַרן לאַנד".

צום אָנדענק פֿון יענער שלאַכט האָט לינקאָלן געהייסן שטעלן אַ מאָנומענט נאָכן יידישן סאָלדאַט דוד לעווי אויף דעם אָרט וואו ער איז געהרגעט געוואָרן.

# באַפֿעל נומער 11

דאָס איז געווען אין אַ פֿרימאָרגן פֿון דעצעמבער 1862. די יידישע באַפֿעלקערונג פֿון פּאַדוקאַ, קענטאַקי, האָט זיך דערוואוסט פֿון אַ באַפֿעל, וואָס גענעראַל יוליסוס גרענט האָט אַרויסגעגעבן צו אַלע קאָמאַנדירן פֿון דער יוניאָן־אַרמיי וואָס האָט פֿאַרנומען די דרום־שטאַטן, אַז זיי זאָלן אַרויסשיקן אַלע יידישע הענדלערס פֿון זייער טעריטאָריע. אַ צווייטן באַפֿעל האָט גרענט אַריבערגעשיקט צו גענעראַל וועבסטער אין דזשעקסאָן, טענעסי, אַז אַלע באַן־קאָנ־דוקטאָרן זאָלן מער ניט לאָזן פֿאָרן די יידן איבער די דרום־שטאַטן.

די יידישע אײַנוואוינערס האָבן זיך געפֿילט שטאַרק געטראָפֿן. זיי האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין צדוק קאַסקעלס הויז צו באַטראַכטן וואָס מען זאָל טאָן אָפּצושטעלן די גזירה.

דער גרויסער גאַסטצימער איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. דער עולם האָט געטומלט און איבערגעשריִען איינער דעם צווייטן. אין די אויסרופֿן און די געשרייען האָט זיך געפֿילט פֿאַרדרוס און באַליידיקונג. די אויפֿרעגונג איז געוואַקסן פֿון מינוט צו מינוט.

— „פֿאַרוואָס קומט עס אונדז? פֿאַרוואָס טרײַבט מען אונדז? וואָס פֿאַר אַ שלעכטס האָבן מיר דען געטאָן?" — האָבן זיך געהערט פּראָטעסטן פֿון עולם — „ווייניק האָבן מיר זיך געפּלאָגט, אומגע־

וואַנדערט מיט פּעק אויף די פּלייצעס, ביז מיר האָבן זיך צוגע-שלאָגן צו אַ שטיקל מקום מנוחה, איצט דאַרף מען ווידער וואַנדערן. פאַרוואָס? פאַרוואָס?"

— „דאָס איז דערפאַר, ווײַל מען וויל אָפּשטעלן דעם האַנדל מיט דער קאָנפעדעראַציע. מען זאָגט אַז די הענדלערס קויפן אָפּ די באַוול פון דזשאָרדזשיאַ און מיסיסיפּי" — האָט צדוק קאַסקעל דערקלערט.

— „אויב מען וויל אָפּשטעלן דעם האַנדל מיט די דרום-שטאַטן, טאָ פאַרוואָס איז דער באַפעל אַרויסגעגעבן געוואָרן בלויז קעגן ייִדן?" — האָט זיך אָפּגערופן אַן עלטערער ייִד.

— אַלע ווייסן גוט, אַז דאָ פאָרן אַרום מער ניט-ייִדישע הענד-לערס ווי ייִדישע, פאַרוואָס האָט מען זיך אָפּגעשטעלט בלויז אויף ייִדן?"

— „איר זענט זייער גערעכט" — האָט צדוק קאַסקעל באַרו-איקט דעם ייִדן — „דערפאַר האָבן מיר זיך דאָ פאַרזאַמלט צו באַ-טראַכטן וואָס צו טאָן".

— „עס איז אַן אומרעכט, מען טאָר עס ניט דערלאָזן!" — האָט זיך עמעצער פון אַ ווינקל אָפּגערופן — „אין דער יוניאָן-אַרמיי זײַנען אָנגעשלאָסן אַן אַ שיעור ייִדן. זיי קעמפן העלדיש אויף די שלאַכטפעלדער צו באַפרײַען די שוואַרצע שקלאַפן. מיר טאָרן ניט דערלאָזן אַזאַ באַליידיקונג".

— „ריכטיק, ריכטיק!" — האָבן זיך געהערט קולות — „מיר זײַנען בירגער אַזוי ווי אַלע, וואו איז אונדזער רעכט?"

— „רואיק, ייִדן, הערט!" — האָט צדוק קאַסקעל אײַנגעשטילט דעם אויפגערעגטן עולם — „הערט מיך אויס, כ'האָב פאַר אײַך אַן עצה".

דער עולם איז גלײַך שטיל געוואָרן.

— „לאָמיר זיך ווענדן צום פּרעזידענט. צו אייבערעהעם לינקאָלן. דער פּרעזידענט איז אַ גרויסער מענטש, אַ ליבער מענטש. ער, וואָס וויל באַפרײַען די שוואַרצע פון שקלאַפערײַ, וועט זיכער ניט וועלן אַז מען זאָל אונדז באַרויבן פון אונדזער רעכט. ער וועט ניט לאָזן אונדז טאָן שאָדן. ער וועט ניט דערלויבן צו באַליידיקן און אונטער-דריקן ייִדן. לאָמיר שיקן צו אים אַ דעלעגאַציע".

— „ריכטיק! ריכטיק! דאָס איז אונדזער איינציקע האָפֿע־נונג!" — האָבן אַלע מסכּים געווען. עס איז באַלד באַשלאָסן גע־וואָרן אַז צדוק קאַסקעל זאָל זײַן דער שליח פֿון די פּאַדוקער ייִדן צום פּרעזידענט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז צדוק קאַסקעל געשטאַנען פֿאַר פּרע־זידענט לינקאָלן.

— „מיסטער פּרעזידענט" — האָט צדוק קאַסקעל גערעדט מיט גרויס דרך־ארץ — „די ייִדישע קהילה פֿון פּאַדוקאַ, קענטאַקי, האָט מיך געשיקט צו אײַך. מיט דרײַצן יאָר צוריק בין איך געקומען אַהער, ווײַל איך האָב געוואָלט לעבן אין אַ פֿרײַ לאַנד, וואו אַלע האָבן גלײַכע רעכט. מײַנע ברידער, די ייִדן, פּונקט ווי איך, זײַנען געלאָפֿן אַהער פֿון אונטערדריקונג און אומרעכט. מיר זײַנען גע־טרײַע און ערלעכע בירגער, אַ סך פֿון אונדזערע זײַנען אָנגעשלאָסן אין דער יוניאָן־אַרמיי און קעמפֿן פֿאַר די הויכע און גרויסע אידעאַלן פֿון פֿרײַהייט פֿאַר אַלעמען, פֿאַר ווײַסע ווי פֿאַר שוואַרצע. אָבער צום באַדויערן וויל מען פֿון אונדז צונעמען אונדזער רעכט". — און דערבײַ האָט קאַסקעל איבערגעגעבן דעם פּרעזידענט אַ קאָפּיע פֿון גענעראַל גרענטס באַפֿעל, וואָס איז געווען באַקאַנט ווי דער „באַפֿעל נומער עלף".

לינקאָלן האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט דאָס פּאַפּיר. עס האָט זיך געדוכט אַז ער וויל דאָס ניט גלייבן. מען האָט געקענט זען, אַז די ווערטער פֿון פּאַפּיר פֿאַרשאַפֿן אים ווייטיק. זײַן פּנים איז געווען פֿאַרזאָרגט.

— „אַזוי, די קינדער פֿון ישׂראל ווערן אַרויסגעטריבן פֿון גליק־לעכן לאַנד כּנען?"

— „יאָ" — האָט קאַסקעל געענטפֿערט — „און דערפֿאַר זײַנען מיר געקומען נאָך הילף און באַשיצונג צום פֿאָטער אַבֿרהם".

— „אָט די הילף און באַשיצונג זאָלן די קינדער פֿון ישׂראל באַלד באַקומען" — האָט פּרעזידענט לינקאָלן געענטפֿערט. ער האָט גלײַך גערופֿן צו זיך דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פֿון דער גאַנצער יוניאָן־אַרמיי, גענעראַל האַלעק, און אים געהייסן טעלעגראַפֿיש באַפֿוילן גרענטן, אַז ער זאָל באַלד צוריקרופֿן די גזירה קעגן די ייִדן.

די ידיעה אַז דער באַפֿעל איז צוריקגערופֿן געוואָרן האָט אַרויס־גערופֿן גרויס פֿרייד בײַ די ייִדן.

# לינקאָלן און זײַנע ייִדישע פרײַנד

יאָר 1863. אַ קריטיש יאָר אין דער געשיכטע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אַ ברודער קעגן אַ ברודער האָט אויפֿגעהויבן די שווערד.

אין איינעם אַ טאָג פֿון יענעם יאָר איז געזעסן אייברעהעם לינקאָלן, דער פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, לעבן זײַן מאַסיוון שרײַבטיש אין ווײַסן הויז און האָט געלייענט אַ באַריכט וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען פֿון מלחמה־פּראָנט.

דאָס פּנים פֿון דעם פּרעזידענט, וואָס האָט געקראָגן אַן אַש־קאָליר פֿון אַזוי פֿיל טעג פֿול מיט זאָרג און נעכט אָן שלאָף — איז איצט געוואָרן פֿינצטער. זײַנע גוטמוטיקע אויגן האָבן אויסגעדריקט זאָרג, לייענענדיק אַז לעבן טשאַרנסערוויל האָט די אַרמיי פֿון דער קאָנפֿעדעראַציע, אָנגעפֿירט פֿון גענעראַל לי, צעשלאָגן די יוניאָן־אַרמיי פֿון גענעראַל הוקער, און אַז די אַרמיי פֿון דער קאָנפֿעדעראַציע איז אַרײַן אין מערילאַנד און ס'איז דאָ אַ גרויסע געפֿאַר, אַז זי וועט מאַרשירן אויף פּענסילווייניע.

פּרעזידענט לינקאָלן האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט און געצומען טראַכטן וועגן דעם, ווי צו פֿאַרבעסערן די לאַגע אויפֿן מלחמה־פּראָנט און פֿאַרהיטן די צפֿון־שטאַטן, אַז זיי זאָלן ניט אַרײַנפֿאַלן אין קיין פּאַניק. ער איז בײַ זיך געווען זיכער, אַז די יוניאָן וועט סוף־כּל־סוף געווינען.

מיט אַ מאָל האָט זיך געהערט אַ לײַכטער קלאַפּ אין טיר. אַ סעקרעטאַר איז אַרײַנגעקומען און האָט דערלאַנגט דעם פּרעזידענט אַ טעלעגראַמע.

לינקאָלן, וואָס איז געווען זיכער אַז די טעלעגראַמע איז פֿון מלחמה־פּראָנט, האָט זי שנעל גענומען לייענען. אָבער די טעלעגראַמע איז גאָר געקומען פֿון שיקאַגאָ. אין דער טעלעגראַמע איז געווען געשריבן: „מר' פּרעזידענט,, אַבֿרהם יאָנאַס האַלט בײַם שטאַרבן. זײַן לעצטער וואונטש איז צו זען זײַן זון טשאַרלז, אַ סאָלדאַט פֿון דער אַרמיי פֿון דער קאָנפֿעדעראַציע, וואָס איז איצט אַ געפֿאַנגענער בײַ דער יוניאָן־אַרמיי. זײַט אַזוי גוט, מר' פּרעזידענט, דערפֿילט

דעם וואונטש פֿון אײַער אַלטן פֿרײַנד יאָנאַס און הייסט באַפֿרײַען זײַן זון אויף אַ קורצער צײַט".

אונטערגעשריבן אויף דער טעלעגראַם איז געווען אַבֿרהם קאָן.

דער פּרעזידענט האָט געקוקט אויף דער טעלעגראַמע וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, און מיט אַ זיפֿץ אַ זאָג געטאָן אויפֿן קול: — „מײַן פֿרײַנד יאָנאַס שטאַרבט, מײַן אַלטער ליבער פֿרײַנד אַבֿרהם יאָנאַס".

דער נאָמען יאָנאַס האָט אין אים אויפֿגעוועקט לאַנג־פֿאַרגאַנגענע יאָרן, יאָרן פֿון יוגנט, פֿון פֿרייד, לייד און האָפֿענונג.

לינקאָלן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן שטול און צוגעמאַכט די אויגן. ער האָט זיך דערזען ווי אַ יונג בחורל אין אילינאָי. יאָ, דאָרטן אין אילינאָי האָט ער געטראָפֿן דעם ליבן אַבֿרהם יאָנאַס, דעם הויפּט פֿון דער אַדוואָקאַטן־פֿירמע „יאָנאַס און אָסבורן" וואָס איז געווען באַוואוסט איבערן גאַנצן שטאַט. יאָנאַס האָט אים אַרײַנגענומען צו זיך און זיך באַצויגן צו אים ווי צו אַן אייגענעם ברודער. ער געדענקט אַזוי גוט, ווי יאָנאַס האָט געזאָגט צו אים: — „אייב, איך האָב אַ סך גלויבן אין דיר. איך בין זיכער, אַז דו קענסט אַ סך דערגרייכן. קום אַלע מאָל צו מיר, אויב דו וועסט דאַרפֿן הילף".

לינקאָלן דערמאָנט זיך ווײַטער: איידער מען האָט אים נאָמינירט ווי אַ פּרעזידענט־קאַנדידאַט פֿון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, האָט ער פֿאָרגעלייענט פֿאַר די רעפּובליקאַנישע פֿירערס אַ רעדע וואָס ער וועט האַלטן בײַם אָננעמען די נאָמינאַציע. די פּאַרטיי־פֿירערס האָבן פֿאַרלאַנגט פֿון אים, אַז ער זאָל אַרויסנעמען פֿון זײַן רעדע דעם פּאַראַגראַף: **„אַ הויז, צעטיילט קעגן זיך אַליין, קען ניט עקסיסטירן. איך גלייב, אַז דאָס לאַנד קען ניט לעבן האַלב אין שקלאַפֿערײַ און האַלב פֿרײַ".**

דעמאָלט האָט זיך אויפֿגעשטעלט יאָנאַס, וואָס איז אויך געווען איינער פֿון די פּאַרטיי־פֿירערס, און געזאָגט: „אייב, זאָלסט האַלטן דײַן רעדע אַזוי ווי דו האָסט זי אָנגעשריבן. קיין איין וואָרט זאָל ניט ווערן געמינערט. עס איז אַ שטאַרקע רעדע, וואָס וועט דיך מאַכן באַרימט און באַליבט בײַם אַמעריקאַנער פֿאָלק".

„אַ הויז צעטיילט". אָט איז יאָנאַסעס הויז צעטיילט. דער טאַטע, אַבֿרהם, איז געווען אַלע מאָל קעגן שקלאַפֿערײַ, און דער זון, טשאַרלז, איז אַוועק זיך שלאָגן פֿאַר שקלאַפֿערײַ.

טשאַרלז איז איצט אַ געפֿאַנגענער בײַ דער יוניאָן-אַרמיי. ער געדענקט אים נאָך ווי אַ קליין קינד. ווען ער פֿלעגט קומען צו יאָנאַסן פֿלעגט דער קליינער טשאַרלז צולויפֿן צו אים און זיך וויגען אויף זײַן קני. — „אַנקל אייב“ — אַזוי האָט אים דער קליי-נער טשאַרלז גערופֿן. — „אַנקל אייב“ — האָט איין מאָל טשאַרלז צו אים געזאָגט — „דו הייסט אייב, מײַן טאַטע הייסט אייב און מײַן אַנקל פֿון שיקאַגאָ הייסט אויך אייב“.

— „דאָס איז דערפֿאַר“ — האָט לינקאָלן געענטפֿערט — „ווײַל מיר טראָגן דעם נאָמען פֿון זייער אַ פֿײַנעם מענטשן, פֿון דעם ערשטן ייִדן, דעם פֿאָטער אַבֿרהם“.

„מערקווירדיק“ — האָט לינקאָלן אַ טראַכט געטאָן — „בײַ זיי אין דער משפּחה האָט מען ליב געהאַט ביבלישע נעמען. אָט הייסט ער אַבֿרהם, זײַן שוועסטער האָט געהייסן שׂרה“.

— „אָט איז יאָנאַס — אַ ייִד“. דער ערשטער ייִד מיט וועמען ער האָט זיך באַקאַנט. ווי אַנדערש האָט יאָנאַס אויסגעזען אין פֿאַר-גלײַך מיט די פּאַטריאַרכאַלישע ייִדן וואָס זייערע בילדער ער האָט געזען אין דער ביבל. ערשט ווען ער האָט זיך געטראָפֿן מיט אַבֿרהם קאָן, מיט דער לאַנגער ברייטער באָרד און מיט מילדע שוואַרצע אויגן, האָט ער דערפֿילט ווי ער וואָלט דערזען אַ לעבעדיקן איינעם פֿון די ביבלישע ייִדן. זיי האָבן דעמאָלט מיט די אויגן געשלאָסן אַ פֿרײַנדשאַפֿט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן דאָס גאַנצע לעבן.

אָט זעט ער נאָך איצט פֿאַר זיך דאָס בילד פֿון 7טן פֿעברואַר, 1861. אויף דער באַן-סטאַציע אין ספּרינגפֿילד, האָבן זיך פֿאַרזאַמלט טויזנטער מענטשן צו ווינטשן אַ פֿאַר-געזונט דעם פּרעזידענט בײַם אָפּפֿאָרן קיין וואַשינגטאָן. מיט אַ מאָל האָט דער עולם זיך אַ ריר געטאָן, און פֿון עולם האָבן זיך אַרויסגעשטופּט עטלעכע ייִדן, געפֿירט פֿון אַבֿרהם קאָן, און צוגעגאַנגען גלײַך צו דער פּלאַטפֿאָרמע פֿון וואַגאָן וואו דער פּרעזידענט איז געשטאַנען. זיי האָבן פֿונאַנ-דערגעוויקלט אַ גרויסע זײַדענע אַמעריקאַנער פֿאָן, אויף וועלכער עס זײַנען מיט גרויסע העברעיִשע אותיות געווען אויפֿגעשריבן די ווערטער פֿון תּנך, פֿון יהושע:

„קיינער וועט ניט באַשטיין פֿאַר דיר אַלע טעג פֿון דײַן לעבן. אַזוי ווי איך בין געווען מיט משהן, וועל איך זײַן מיט דיר. איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן און דיך ניט פֿאַרלאָזן. זײַ שטאַרק און פֿעסט צו




דער באַפֿעל פֿון אייבערעהעם לינקאָלן צו באַפֿרײַען אויף דרײַסיק טעג דעם געפֿאַנגענעם טשאַרלז יאָנאַס.

היטן צו טאָן אַזוי ווי די תורה, וואָס משה, דײַן קנעכט, האָט דיר באַפוילן. זאָלסט דערפון ניט אָפּקערן רעכטס אָדער לינקס, כּדי דו זאָלסט באַגליקן אומעטום וואו דו וועסט גיין. פאַרוואָר, איך זאָג דיר אָן: זײַ שטאַרק און פעסט, זאָלסט ניט מורא האָבן און זיך ניט שרעקן וואָרעם גאָט איז מיט דיר אומעטום וואו דו וועסט גיין".

אַבֿרהם קאָן איז צוגעגאַנגען צו אים, אַזוי האַרציק געדריקט זײַן האַנט און געזאָגט: מר' פּרעזידענט, מיר פאַרהאָפן, אַז דו וועסט זײַן דער צווייטער משה וואָס וועט באַפרײַען די קנעכט פון שקלאַפערײַ".

לינקאָלן דערמאָנט זיך ווי גערירט ער איז געווען פון דער סצענע, אַז ער האָט געוואָלט אַרומנעמען דעם אַלטן קאָן און אים אַ קוש טאָן.

די טעלעגראַם איז אַרויסגעפאַלן פון פּרעזידענטס האַנט. דער רויש פון דעם פּאַפּיר האָט אים איבערגעשלאָגן די געדאַנקען און ער האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ ווי פון שלאָף. ער האָט אויפגעהויבן די טעלעגראַם און זי איבערגעלייענט נאָך אַ מאָל. נאָך דעם האָט ער געגעבן אַ קלונג אין גלעקל, אַ סעקרעטאַר איז אַרײַנגעקומען. לינקאָלן האָט אים געהייסן צו באַפוילן טעלעגראַפיש דעם קאָמאַנדיר פון דעם לאַגער פאַר די געפאַנגענע צו באַפרײַען דעם געפאַנגענעם טשאַרלז יאָנאַס אויף דרײַסיק טעג און אים גלײַך אָפּשיקן קיין שיקאַגאָ.

לינקאָלנס טויט האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן טרויער צווישן די ייִדן. אַלע שולן זײַנען געווען אײַנגעוויקלט אין שוואַרצן. בײַ דער לוויה אין וואַשינגטאָן האָט זיך באַטייליקט אַ ייִדישע דעלעגאַציע פון 125 פּערזאָן.

אין ניו־יאָרק איז פאָרגעקומען אַ טרויער־פּראָצעסיע אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט פופציק טויזנט מענטשן. אין דער פּראָצעסיע האָבן מאַרשירט זיבן טויזנט ייִדן.

די ייִדן האָבן געטראָגן אַזאַ טרויער־פּלאַקאַט:

דער פאָטער פון לאַנד איז טויט.<br>
דאָס פאָלק טרויערט נאָך אים.<br>
לינקאָלן —<br>
ער איז ניט טויט,<br>
ער לעבט אין די הערצער פון גאַנצן פאָלק.

## גענעראַל באַטלער און דער יידישער סאָלדאַט

מאַקס גלאַס, אַ יידישער בחור פֿון אייראָפּע, איז אין יאָר 1864 געקומען קיין אַמעריקע און זיך גלייך אַנגעשלאָסן אין דער יוניאָן־אַרמיי, צו קעמפֿן פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון די שקלאַפֿן.

ער איז אָבער אַריינגעפֿאַלן אין אַן אָפּטיילונג, וואו דער אָפֿיציר און אויך אייניקע סאָלדאַטן פֿלעגן אים באַליידיקן און אָנטאָן צרות דערפֿאַר ווייל ער איז אַ ייד און אויך דערפֿאַר ווייל ער האָט ניט געקענט רעדן קיין גוטן ענגליש.

ער איז אַנטלאָפֿן פֿון דער אַרמיי. מען האָט אים געכאַפּט און געבראַכט פֿאַר אַ קריגס־געריכט צו משפּטן ווי אַ דעזערטיר. ווען גענעראַל באַטלער, דער הויפּט פֿון יענער אַרמיי־אָפּטיילונג, האָט געהערט די פּאַסירונג, האָט ער באַפֿוילן, אַז מען זאָל מאַקס גלאַסן גלייך באַפֿרייען און אים אָפּשיקן אין דער זעלביקער מיליטערישער אָפּטיילונג.

ווען גלאַס האָט געבעטן, אַז ער זאָל אים שיקן אין אַן אַנדער אָפּטיילונג, האָט גענעראַל באַטלער געענטפֿערט, אַז ער זאָל גיין אין דער זעלביקער אָפּטיילונג — „און” — האָט ער צוגעגעבן — „לאָמיר טאַקע זען, אויב עמעצער וועט וואַגן אים צו באַליידיקן דערפֿאַר ווייל ער איז אַ ייד”.

די סאָלדאַטן און אָפֿיצירן האָבן אים שוין מער ניט באַליידיקט. פֿאַרקערט, זיי זיינען געוואָרן מיט אים גוטע פֿריינד. שפּעטער איז גלאַס שווער פֿאַרוואונדעט געוואָרן אין אַ שלאַכט לעבן ריטשמאָנד.

# יידן אין דער קאָנפֿעדעראַציע

אין די דרום־שטאַטן זיינען אויך געווען יידישע פּלאַנטאַטאָרן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פֿון דער קאָנפֿעדעראַציע און געקעמפֿט אַז שקלאַפֿעריי זאָל ניט ווערן אָפּגעשאַפֿט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

דוד יולי און דזשודאַ פּ. בענדזשאַמין זיינען געווען יידן, וואָס האָבן גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין דעם קאַמף, אַז שקלאַפֿעריי זאָל ניט ווערן אָפּגעשאַפֿט. ביידע זיינען געבאָרן געוואָרן אין די וועסט־אינדיעס און זיינען געקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן מיט זייערע עלטערן, ווען זיי זיינען געווען יונגע קינדער. זיי זיינען



**דזשודאָ פּ. בענדזשאַמין**

אויפֿגעוואַקסן אין די דרום-שטאַטן און בײדע זײַנען געווען אַקטיוו אין דעם דאָרטיקן פּאָליטישן לעבן.

ביז דעם עלטער פֿון 36 יאָר איז דוד יולים אמתער נאָמען געווען דוד לעווי. ווען ער איז געוואָרן באַוואוסט ווי אַן אַדוואָקאַט, פּלאַנ-טאַטאָר און פּאָליטיקער, האָט ער געביטן זײַן נאָמען אויף יולי. פֿון 1845 אָן, ווען פֿלאָרידע האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער יוניאָן, ביז דעם בירגער-קריג, האָט דוד יולי פֿאַרטראָטן דעם שטאַט אין דעם אַמעריקאַנער סענאַט. ער איז געווען דער ערשטער ייִדישער מיטגליד פֿון דעם אַמעריקאַנער סענאַט. בײַם אויסברוך פֿון בירגער-קריג איז ער געווען אַ מיטגליד פֿון דעם קאָנפֿעדעראַציע-קאָנגרעס.

אײנער פֿון די הויפּט-פֿירערס פֿון דער קאָנפֿעדעראַציע-רעגי-רונג איז געווען דער ייִד דזשודאָ פּ. בענדזשאַמין. ער איז געווען יוסטיץ-מיניסטער, קריג-מיניסטער און אויסערן-מיניסטער (סעק-רעטערי אָוו סטייט). מ'האָט אים אָנגערופֿן דער קאָפּ פֿון דער קאָנפֿעדעראַציע-רעגירונג".

ער איז געווען אַ זייער אָנגעזעענער רײַכער אַדוואָקאַט און

פלאַנטאַטאָר אין לואיזיאַנאַ און האָט פאַרטראָטן דעם שטאַט אין דעם אַמעריקאַנער סענאַט.

ער איז געווען דער, וואָס האָט דורכגעפירט אַ געזעץ אין לו־איזיאַנאַ, אַז מען זאָל ניט פאַרשפאַרן קיין מענטשן אין טורמע, צוליב דעם וואָס זיי קענען ניט באַצאָלן זייערע חובות.

ער איז געווען אַ שטאַרקער פאַרטיידיקער פון שקלאַפעריי. איין מאָל, אין אַ דעבאַטע וועגן שקלאַפעריי מיט סענאַטאָר ב. פ. וועיר פון אָהייאָ, האָט סענאַטאָר וועיר אָנגערופן בענדזשאַמינען „דער ייד מיט עגיפּטישע פרינציפּן".

ווען אַ סענאַטאָר האָט אַמאָל אין צייט פון אַ דעבאַטע וועגן שקלאַפעריי אין סענאַט אַ געשריי געטאָן: „אַט דער ייד פון לואי־זיאַנאַ", האָט בענדזשאַמין אים געענטפערט, ווי דיזראַעלי האָט געענטפערט אין אַזאַ פאַל אין ענגלישן פאַרלאַמענט: „ווען מיינע עלטער־זיידעס האָבן געקראָגן די צען געבאָט ביים באַרג סיני, האָבן זיינע עלטערן געפּאַשעט חזירים אין די וועלדער פון ענגלאַנד".

ווען די דרום־שטאַטן האָבן פאַרלאָרן די מלחמה, איז בענדזשאַ־מין אַנטלאָפן קיין ענגלאַנד. דאָרטן איז ער געוואָרן אַ דערפאָלג־רייכער אַדוואָקאַט און האָט זיך פערזענלעך באַפריינדט מיט די שטאַטסלייט דיזראַעלי ,גלאַדסטאָון און הויפּט־ריכטער קאָלערידזש.

ער איז געשטאָרבן אין פראַנקרייך אין יאָר 1884. ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען ווייט פון יידן און יידישקייט.

# מיכאל היילפּערין

איינער פון די אָנגעזעענסטע יידישע וואָרטזאָגערס קעגן שקלאַ־פעריי אין אַמעריקע ,איז געווען דער פּוילישער ייד מיכאל היילפּערין.

מיכאל היילפּערין איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1823 אין פּיעט־ריקאָוו ביי אַ משפּחה פון לומדים. ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1856.

ער איז געווען אַ געלערנטער אין יידישע און אַלגעמיינע לימודים און האָט געקענט רעדן עטלעכע שפּראַכן. אין אַמעריקע איז ער געווען דער מיטרעדאַקטאָר פון Appleton's New American Encyclopedia



**מיכאל היילפּערין**

ער איז געווען אַ ליבעראַלער מענטש און דורכגעדרונגען מיט געפֿילן פֿון גערעכטיקייט פֿאַר אַלע מענטשן.

אין יאָר 1848 האָט ער גענומען אַן אָנטייל אין דעם באַפֿרײַ-אונג-קאַמף פֿון אונגאַרן און ער איז געווען אַ נאָענטער פֿרײַנד פֿון אונגאַרישן פֿרײַהייט-קעמפֿער לואיס קאָשוט.

ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין די שטורמישע יאָרן ערבֿ דעם בירגער-קריג, האָט ער זיך גלײַך געשטעלט אויף דער זײַט פֿון יענע מענטשן, וואָס האָבן געפֿאָדערט אַז אַמעריקע זאָל אָפּשאַפֿן שקלאַפֿערײַ.

אין יאַנואַר פֿון יאָר 1861 האָט דער רבֿ ראַפֿאַל פֿון די בני ישורון קאָנגרעגאַציע אין ניו-יאָרק געהאַלטן אַ רעדע, וואָס האָט אָפּגע-קלונגען איבערן גאַנצן לאַנד, באַזונדער אין די דרום-שטאַטן. דער רבֿ האָט אין יענער רעדע געוואָלט באַווײַזן, אַז שקלאַפֿערײַ איז אין דעם גײַסט פֿון תּנך. עס איז גאָטס ווילן, — האָט דער רבֿ געזאָגט, — אַז שקלאַפֿערײַ זאָל עקסיסטירן, און מענטשן וואָס קעמפֿן קעגן

שקלאַפֿעריי באַגייען אַ זינד קעגן גאָט און אַ פֿאַרברעכן קעגן דער תּורה.

די שקלאַפֿן־אייגנטימערס פֿון די דרום־שטאַטן האָבן די רעדע אָפּגעדרוקט און פֿאַרשפּרייט איבער אַמעריקע.

דעמאָלט האָט מיכאל היילפּערין פֿאַרעפֿנטלעכט אַרטיקלען קעגן שקלאַפֿעריי אין דער גרויסער און איינפֿלוסרייכער צייטונג „די ניו־יאָרק טריביון" אונטער דער רעדאַקציע פֿון האָרייס גרילי. היילפּערן האָט באַוויזן, אַז דער רבֿ ראַפֿאַל פֿאַרשטייט ניט דעם גייסט פֿון דער תּורה און אַז ער טייטשט שלעכט און פֿאַלש די פּסוקים פֿון תּנך, און בכלל איז דאָס געווען אַ נאַרישע, פֿאַלשע און פּוסטע רעדע.

די אַרטיקלען, געשריבן מיט אַ סך וויסן און גרויס לאָגיק, האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אין אַמעריקע, און גלייך אָפּגעשלאָגן דעם טאָן און איינדרוק פֿון דעם רבֿ ראַפֿאַלס רעדע.

היילפּערין האָט קלאָר באַוויזן, אַז דער תּנך איז קעגן שקלאַפֿעריי. ער האָט אויך באַוויזן, אַז שקלאַפֿעריי האָט קיין מאָל ניט פֿאַרנומען קיין אָרט אין יידישן לעבן. „עס איז קיין מאָל ניט באַקאַנט, — האָט ער געשריבן, אַז ביי די יידן אין די אַלטע צייטן פֿון דער מלוכה, זאָלן פֿאָרקומען שקלאַפֿן־בונטן, ווי אין אַלטן רוים, אָדער שקלאַפֿן־מאַרק ווי אין אַלטן גריכנלאַנד".

ער האָט אין זיינע אַרטיקלען באַטאָנט, אַז שקלאַפֿעריי איז אַ שוואַרצע בלאַט אין דער שיינער געשיכטע פֿון אַמעריקע, און ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז אַזוינע שוואַרצע בלעטער טאָרן מער ניט ווערן אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

„יידן, — האָט ער געשריבן, — זיינען אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער געווען קעגן אַריינברענגען דעם מצרים־גייסט אין לעבן".

מיכאל היילפּערן האָט אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין יידישן לעבן. פֿריער אין פֿילאַדעלפֿיע און נאָך דעם אין ניו־יאָרק.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע יידישע איינוואַנדערונג פֿון מזרח־אייראָפּע קיין אַמעריקע, האָט מיכאל היילפּערן זיך אָפּגעגעבן מיט העלפֿן די אימיגראַנטן. ער האָט פֿאַר זיי געזוכט באַשעפֿטיקונג און געהאָלפֿן זיי זיך איינאָרדענען.

ער האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פֿון ערד־אַרבעט. ער האָט געוואָלט, אַז די ייִדישע אימיגראַנטן זאָלן גרינדן קאָלאָניעס און זיך באַשעפֿטיקן בײַ ערד־אַרבעט.

די ייִדישע אימיגראַנטן האָבן אין אים געפֿונען אַ ליבן מענטשן און אַ גוטן פֿאַרזאָרגער אין זייער נויט און עלנטקייט בײַם קומען קיין אַמעריקע.

ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1888.

# עמאַ לאַזאַרוס

אין ניו־יאָרקער האַפֿן, בײַם אַרײַנפֿאָרן אין אַמעריקע, שטייט אַ מעכטיקע פֿרוי מיט אַ פֿאַקל אין האַנט און באַגריסט יעדן איינעם, וואָס קומט אָן צו די ברעגעס פֿון אַמעריקע — דאָס איז די סטאַטוע פֿון פֿרײַהייט. צו דעם פּעדעסטאַל פֿון דער סטאַטוע איז באַפֿעסטיקט אַ קופּערנער טאָוול מיט די ווערטער:

## דער נײַער ריז

ניט ווי דער חוצפּהדיקער ריז פֿון גריכיש־אַלטער וועלט,
מיט זיגערישע פֿיס צעשפּרייט פֿון לאַנד צו לאַנד, —
ניין, דאָ בײַ אונדזער ברעג וועט גריסן אונדז באַקאַנט
אַ פֿרוי אַ מעכטיקע מיט פֿאַקל אויפֿגעשטעלט,
ווי בליץ־געפֿאַנגענער צעלויכטן און צעהעלט,
די מוטער פֿון פֿאַרשטויסענע! דער שטורקאַטש אין איר האַנט,
גליט אויס אַ ברוך־הבא צו וועלט פֿון ראַנד צו ראַנד
און נעמט אַרום צוויי האַפֿן־שטעט מיט מילדן בליק באַזעלט.

„ווער דאַרף דײַן יחוס, אַלטע וועלט!” — זי רופֿט
מיט שטומער ליפּ: „מיר גיב די אָרעמע — פֿאַרמאַטערט און פֿאַרשמאַכט,
געשטיקטע מאַסן, גאַרנדיק נאָך פֿרײַהייט און נאָך לופֿט, —
אין שפּלות אויסגעשפּיגן און צו דײַן ברעג געבראַכט.
דערלאַנג זיי מיר, די היימלאָזע, פֿון שטורעם אויסגעפּרואווט,
איך הייב דעם לאָמפּ בײַ שפּיגל־טיר — אַ ברייטע אויפֿגעמאַכט”.

(ייִדיש: י. גאָלדבערג)



**עמאַ לאַזאַרוס**

עס איז דער אויסדרוק פֿון טרײַהייט און ליבע צו אַמעריקע און ליבע צו יעדן אונטערדריקטן, און פֿאַראַכטונג צו די אונטער־דריקערס.

די גאָלדענע ווערטער, אויסגעקריצט אויף דער סטאַטוע פֿון פֿרײַהייט אויף אייביק, זײַנען געשריבן פֿון דער אַמעריקאַנער ייִדישער פּאָעטעסע עמאַ לאַזאַרוס. זי איז געבאָרן געוואָרן אין ניו־יאָרק דעם 22סטן יולי, 1849, בײַ געבילדעטע, אָנגעזעענע און פֿאַרמעגלעכע עלטערן פֿון ספֿרדישן אָפּשטאַם. די פֿאַמיליע לאַזאַרוס, פֿון פֿאָטערס צד, און די נייטענס פֿון דער מוטערס צד, זײַנען געווען פֿון די ערשטע ייִדישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע. די נייטענס זײַנען דער אָפּשטאַם פֿון לוצענאַ, וואָס איז געווען איינער פֿון די ערשטע דרײַ און צוואַנציק ייִדן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אַמעריקע.

די עלטערן האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר גוטע ייִדן, אָפּגעהיט ייִדישע פֿירונגען און ייִדישע יום־טובֿים, אָבער קיין ייִדישע דערציאונג האָבן זיי זייערע קינדער ניט געגעבן.

עמאַ לאַזאַרוס האָט אין איר קינדהייט זייער ווייניק געוואוסט וועגן ייִדן און ייִדישקייט. זי איז געווען אַ שוואַך און איידל ייִדיש קינד, און די עלטערן האָבן זי אַפֿילו אין אַן אַלגעמיינער שול ניט געשיקט, נאָר געהאַט פֿאַר איר לערערס אין דער היים. זי האָט זייער יונג און זייער פֿרי אַרויסגעוויזן אירע פֿעיִקייטן. צו עלף יאָר

האָט זי אָנגעהויבן שרײַבן לידער און צו פֿערצן יאָר איז זי שוין געווען באַוואוסט ווי אַ פּאָעטעסע.

ייִדישע פֿראַגעס האָבן איר ניט אינטערעסירט און אויף ייִדישע טעמעס האָט זי ניט געשריבן. זי איז געווען באַפֿרײַנדעט מיט ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן, וואָס האָט געהאַלטן זייער אַ סך פֿון איר, און אַנדערע באַוואוסטע שרײַבערס און פּערזענלעכקייטן פֿון יענער צײַט.

אַ טיפֿע ענדערונג אין איר נשמה און אין איר לעבן איז פֿאָרגעקומען אין יאָר 1881. אין יענער צײַט האָט מען געמאַכט פּאָגראָמען אויף ייִדן אין רוסלאַנד. מען האָט אַרויסגעטריבן ייִדן פֿון די דערפֿער און צעראַבירט זייער פֿאַרמעגן. טויזנטער ייִדן זײַנען געלאָפֿן צו די ברעגעס פֿון אַמעריקע זיך ראַטעווען און אָנהייבן אַ נײַ, פֿרײַ און זיכער לעבן אין דער פֿרײַער אַמעריקע.

זי האָט דערפֿילט אין זיך אַ רוף צו העלפֿן אָט די אומגליקלעכע רוסישע ייִדן, וואָס זײַנען מאַסנווײַז געקומען צו די ברעגעס פֿון אַמעריקע. די שפּראַך פֿון לאַנד האָבן זיי ניט געקענט און ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך אײַנצואָרדענען.




אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דעם קופּערנעם טאָפֿל אויף דער סטאַטוע פֿון פֿרײַהייט.

זי איז אַוועק אויף „וואַרדס אײַלאַנד" צו העלפֿן די אימיגראַנטן. יעדן אין דער פֿרי פֿלעגן שוין וואַרטן אויף איר יידישע קינדער, וועמען זי פֿלעגט ברענגען זיסע זאַכן און גוטע ווערטער. די קינדער האָבן זי גערופֿן שוועסטער און די מאַמעס האָבן זי גערופֿן טאָכטער. ליכטיק פֿלעגן ווערן זייערע געמיטער און געהויבן זייער שטימונג, ווען זיי פֿלעגן זי זען אַרײַנקומען. זי האָט זיך געפֿילט גליקלעך וואָס זי קאָן העלפֿן די אומגליקלעכע יידן אין זייערע ליידן. זי איז געגאַנגען איבער ניו־יאָרק זוכן אַרבעט פֿאַר זיי און געהאָלפֿן זיי אײַנאָרדענען זיך אין דירות.

זי האָט מער ניט געשריבן אירע שטילע לידער. זי האָט אָנגע־הויבן שרײַבן לידער אויף יידישע טעמעס. איר שטים און פּען ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּראָטעסט־געשריי און אַ רוף צום קאַמף פֿאַר יידישע רעכט.

זי האָט אָנגעשריבן איר באַרימט „חשמונאים"־ליד, וואו זי רופֿט ישׂראל אויפֿצושטיין אין קאַמף פֿאַר פֿרײַהייט, ווי די חשמונאים האָבן אַמאָל געטאָן. זי שרײַבט אָן דאָס טרייסטליד „דער נײַער יחזקאל". אין ליד זאָגט זי אַז אַ נס וועט ווידער פּאַסירן ווי אַמאָל, ווען די טרו־קענע ביינער, צעזייט און צעשפּרייט, ווי די יידן זײַנען, וועלן ווערן באַהויכט מיט אַ גײַסט און אָנהייבן אַ נײַ לעבן. זי האָט אויך געשריבן דאָס ליד פֿון יידישער העלדישקייט, „בר־כּוכבא", און אַ סך אַנדערע לידער אויף יידישע טעמעס.

זי לערנט דעם תּנך, באַקענט זיך מיט יידישער געשיכטע, און לייענט די לידער פֿון יהודה הלוי און אַנדערע יידישע פּאָעטן און דיכטערס. זי שרײַבט אָן אַ ליד וועגן חנוכּה און רופֿט אויפֿצו־וועקן דעם מאַקאַבייער־גײַסט בײַ יידן.

זי האָט אויך געשריבן אַ סעריע אַרטיקלען אין דעם אַמערי־קאַנער יידישן וואָכנבלאַט „די אַמעריקען היברו". זי רופֿט די אַמע־ריקאַנער יידן צו אייניקייט און צו העלפֿן די יידן אין אַנדערע לענדער, וואָס ווערן פֿאַרפֿאָלגט און העלפֿן די יידן וואָס קומען זיך באַ־זעצן אין אַמעריקע. זי האָט פֿאָרגעלייגט צו גרינדן פֿאַכשולן פֿאַר יידן.

איר ליד איז אָבער אין גיכן טראַגיש איבערגעריסן געוואָרן. זי איז קראַנק געוואָרן, און אין עלטער פֿון אַכט און דרײַסיק יאָר איז זי געשטאָרבן דעם 19טן נאָוועמבער, 1887.

עס האָבן איר באַוויינט פֿאַרערערס און פֿרײַנד איבער דער וועלט און געטרויערט אויף איר טויט האָבן די ייִדישע אימיגראַנטן, וואָס האָבן פֿאַרלאָרן אין איר אַ גוטע ייִדישע טאָכטער און אַ טרײַע, האַרציקע, איידעלע שוועסטער.

# נאָכן בירגער־קריג ביז דער גרויסער ייִדישער אײַנוואַנדערונג פֿון מזרח־אייראָפּע

נאָכן בירגער-קריג איז פֿאָרגעקומען אַ גרויסע עקאָנאָמישע ענדערונג אין אַמעריקע. עס איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן דער האַנטוועוערקער און דאָס קליינע פֿאַבריקל. עס האָבן זיך באַוויזן ריזיקע פֿאַבריקן, אַ גרויסע אינדוסטריע, אַ פֿאַרצווייגטע באַן- און וואַסער-קאָמוניקאַציע און אַ גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדל.

אין דעם גרויסן עקאָנאָמישן אויפֿשטײַג פֿון אַמעריקע האָבן ייִדן גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל. די געוועזענע ייִדישע פּעדלערס און האַנטווערקערס ווערן גרויסע פֿאַבריקאַנטן, סוחרים און אייגנטימערס פֿון גרויסע דעפּאַרטמענט-געשעפֿטן. זיי ווערן בויערס און אָנטייל-נעמערס פֿון גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און העלפֿן אַנטוויקלען אויף אַ גרויסן מאַשטאַב דעם האַנדל אין לאַנד.

אין דער צײַט פֿון בירגער-קריג האָבן דײַטשישע ייִדן צוגעשטעלט קליידער פֿאַר דער אַרמיי, און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע ייִדישע קליידער-אינדוסטריע אין אַמעריקע.

דאָס ייִדיש-לעבן אין אַמעריקע איז געוואָרן אײַנגעפֿונדעוועט און אָנגעזען. די אינעווייניקסטע שטרײַטן צווישן די אָרטאָדאָקסישע ייִדן און די אָנהענגערס פֿון דער רעפֿאָרעם-באַוועגונג האָט זיך פֿאַרענדיקט.

די רעפֿאָרעם-באַוועגונג, אָנגעפֿירט פֿון י. מ. ווײַס, דוד איינהאָרן, מאַקס ליליענטאַל, בערנאַרד פֿעלזענטאַל און אַנדערע ראַבײַס און וואָרטזאָגערס, האָט שוין פֿאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דעם אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן. זיי האָבן געזוכט זיך צופּאַסן צו דער אַרומיקער אַמעריקאַנער סבֿיבֿה מיט דעם היברו יוניאָן סעמינאַר

אין סינסינעטי, מיט די רײַכטע טעמפּלען און זונטאָג-קינדער-שולן, מיט זייערע זשורנאַלן, צײַטשריפֿטן, אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס.

דאָס יידיש-לעבן אין יענער צײַט איז געווען אָרגאַניזירט אין אייגענע פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס און פֿילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן.

דער אָנהייב צו אָרגאַניזירן זיך איז געמאַכט געוואָרן, ווען מען איז אַליין געווען נאָך פֿרעמד און אָרעם אין דעם נײַעם לאַנד. ווען מ'האָט זיך געדאַרפֿט טוליען איינע צו די אַנדערע און זיך איינע די אַנדערע אַרויסהעלפֿן אין דער צײַט פֿון קראַנקייט און נויט.

שפּעטער, ווען מען איז שוין געווען רײַך, האָט מען געגרינדעט אינסטיטוציעס פֿאַר אַנדערע, פֿאַר די וואָס האָבן געדאַרפֿט די הילף פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿט. מ'האָט געוואָלט באַווײַזן, אַז יידן לאָזן ניט זייערע אָרעמע און קראַנקע ווערן אַ לאַסט אויף דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג. מ'האָט געגרינדעט אייגענע שפּיטאָלן, ווײַל אַ סך יידן האָבן ניט געקענט און ניט געוואָלט זײַן אין שטאָטישע שפּיטאָלן. זיי האָבן פֿאַרלאַנגט אייגענע אינסטיטוציעס אין יידישן גײַסט און מיט כּשרע שפּײַז. מ'האָט געגרינדעט יתומים-הײַזער און גמילות-חסדים-קאַסעס צו העלפֿן דעם יתום און אָרעמאַן.

מ'האָט אויך געגרינדעט שולן פֿאַר קינדער. איידער מ'האָט עטאַבלירט די רעגירונג-שולן, זײַנען אין אַמעריקע געווען אַ ריי יידישע טאָג-שולן און יידישע אַקאַדעמיעס. שפּעטער האָט מען אײַנגעפֿירט די נאָכמיטאָג-תּלמוד-תּורה בײַ דער סינאַגאָגע און די שבת- אָדער זונטאָג-שול בײַ דעם טעמפּל.

אין אַ ריי שטעט האָט מען געשאַפֿן ספּעציעלע קאָמיטעטן, וואָס זאָלן זיך אָפּגעבן מיט יידישער דערציאונג. אין ניו-יאָרק האָט זיך געגרינדעט די „היברו פֿרי סקול אַסאָסיאיישאָן", וואָס האָט געזאַמלט פֿאָנדן צו צאָלן שׂכר-לימוד פֿאַר אָרעמע קינדער. דאָס זעלביקע האָט אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן פֿון פֿריערדיקן יאָרהונדערט געטאָן דער יידישער דערציאונג-קאָמיטעט אין שיקאַגע און אין אַנדערע שטעט פֿון אַמעריקע. אין אַ טייל יידישע לערן-אַנשטאַלטן האָט מען די קינדער אויך געגעבן עסן, אַ מאָלצייט און קליידער אָנצוטאָן.

אין די לעצטע צען יאָר, ערבֿ דער גרויסער יידישער איינוואַנ־דערונג פֿון מזרח־אייראָפּע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1881, האָט די יידישע עמיגראַציע פֿון די דייטשישע לענדער קיין אַמע־ריקע זיך כּמעט אָפּגעשטעלט.

די דייטשישע לענדער זיינען אין יאָר 1871, נאָך דער מלחמה מיט פֿראַנקרייך, געוואָרן פֿאַראייניקט. די געזעצן קעגן די יידן זיינען געוואָרן ליבעראַלער און די דייטשישע יידן האָבן אין זייערע גע־בורט־לענדער אָנגעהויבן פֿאַרנעמען פּאָזיציעס אין די פֿרייע פּראָ־פֿעסיעס, האַנדל און אינדוסטריע. זיי האָבן שוין מער ניט גענדאַרפֿט עמיגרירן, ווי אין די פֿריערדיקע יאָרן, ווען מען האָט זיי שרעקלעך פֿאַרפֿאָלגט און אונטערדריקט.

אין יאָר 1880 זיינען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן געווען אַרום אַ פֿערטל מיליאָן יידן, פֿון זיי אַרום פֿופֿציק טויזנט יידן פֿון מזרח־אייראָפּע.

איינצעלנע יידן פֿון רוסלאַנד און פּוילן זיינען אַהער געקומען אין אַלע צייטן. גרעסערע צאָל יידן פֿון רוסלאַנד און פּוילן האָבן דאָ אָנ־געהויבן קומען, ווען מען האָט אין יאָר 1827 איינגעפֿירט דעם שרעק־לעכן רעקרוטן־געזעץ. די צאָל יידישע אימיגראַנטן פֿון רוסלאַנד־פּוילן האָט זיך פֿאַרגרעסערט נאָך די פּוילישע אויפֿשטאַנדן פֿון 1830 און 1863, באַזונדער אין דער צייט פֿון דער עפּידעמיע און דעם הונגער אין צפֿון־מערבֿ־געגנט פֿון רוסלאַנד. אין יענער צייט האָט די אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסאַל (אַ יידישע פֿילאַנטראָפּישע געזעלשאַפֿט אין פֿראַנקרייך) געהאָלפֿן יידן פֿון רוסלאַנד און פּוילן צו עמיגרירן קיין אַמעריקע.

די רוסישע און פּוילישע יידן האָבן געגרינדעט זייערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס, חבֿרות און קאָנגרעגאַציעס, גמילות־חסדים־פֿאַראיי־נען צו לייען עטלעכע דאָלאַר אָן פּראָצענט און אויסצאָלן ווען מען וועט אָנהייבן עפּעס צו פֿאַרדינען.

די מזרח־אייראָפּעאישע יידן האָבן אויך געגרינדעט זייערע אייגענע צייטונגען אין דער יידישער שפּראַך. אין ניו־יאָרק איז דעם 1טן מערץ, 1870 (כ״ה אדר, תר״ל) דערשינען דער ערשטער נומער פֿון דער ערשטער צייטונג אין דער יידישער שפּראַך מיטן נאָמען „דיא אידישע צייטונג“, מיט דער דערקלערונג, אַז די ציי־


FEBR. 14th 1873. 5633.

No. 10 PRICE 6 Cts

THE NEW YORK

HEBREW TIMES.

A WEEKLY PAPER

OF POLITIC RELIGION HISTORY SCIENCE AND ART

דיא יודישע צייטונג

ערשיינט פרייטאג מארגען.

פרייז זעקס צענט דיא נוממער

די ערשטע צײַטונג אין יידיש אין אַמעריקע.

טונג דערשײַנט יעדן פֿרײַטאָג אין דער פֿרי, און דער פּרייז איז „זעקס צענט דיא נומער".

קיין יידישע דרוקערײַ איז נאָך דעמאָלט אין ניו־יאָרק ניט געווען, האָט דער אַרויסגעבער י. ק. בוכנער אַרויסגעגעבן די צײַטונג ליטאָגראַפֿיש.

אַרום דעם קעפּל פֿון דער צײַטונג זײַנען געווען עטלעכע פֿיגורן, וואָס האָבן געדאַרפֿט פֿאָרשטעלן גערעכטיקייט און גלויבן (צדק ואמונה) און אַ פּסוק פֿון ישעיה (י"א, ה) „גערעכטיקייט וועט זײַן דער אָנגורט פֿון זײַנע לענדן, און דער טרײַשאַפֿט דער גאַרטל פֿון זײַנע דיכן".

אין יענער צײַט האָט אויך אָנגעהויבן צו דערשײַנען אין יידיש „די פּאָסט". אין יאָר 1874 האָט כּריאל שרהזאָן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין ניו־יאָרק „די יידישע גאַזעטן". דער סואוואַלקער ייד נחמן דובֿ עדעלסאָן, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1851, האָט צוזאַמען מיט ש. ל. מאַרקוס אַרויסגעגעבן אין שיקאַגאָ „די איזראַעליטישע פּרעסע".

אַ גרויסע ענדערונג אין יידישן לעבן קומט פֿאָר ווען עס הייבט זיך אָן די גרויסע אימיגראַציע פֿון מזרח־אייראָפּע אין יאָר 1881.